№ 48 Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. צוועלפטער יאָהרגאַנג. פרייז 20 גראָשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאָכאָווער צייטונג

אַנאָנסען-פרייז פאַר אַ מילימעטער-שורה:
פאַרן טעקסט 40 גראָשען   נאָכ'ן טעקסט 25 גראָשען
אין טעקסט 80 גראָשען.
די ערשטע און לעצטע זייט תּמיד 8 אַנאָנסען שפּאַלטען.

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

אַבאָנעמענטס-פרייז: אַ נומער 20 גראָשען.
אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
פאַרן אינהאַלט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע ניט פאַראַנטוואָרטליך.

Piątek, dnia 27 listopada 1931. ליכט-צינדען 3.16 פרייטאָג, פ' וישלח י"ז כסלו תרצ"ב.

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

בראָניאַ געלבאַרד   הערש מאיר גליקסמאַן

פערלאָבט

פאַריז   ראַדאָמסק

אין 22 נאָוועמבער 1931 י.

צו דער פערלאָבונג פון מיין ליבער טאָכטער און אונזער שוועסטער **בראָניאַ געלבאַרד** מיט ה' **הערש מאיר גליקסמאַן** ווינשען מיר זיי א גליקליכע צוקונפט, זאָל זייער לעבענס-וועג מיט בלומען בעצירט זיין

מוטער, שוועסטער און ברודער.

Z intenci zaręczyn siostry naszej BRONI GELBARDÓWNEJ z panem HENRYKIEM GLIKSMANEM,
życzymy szczęścia i radości
SAMUELOWIE RAJCHMAN.

Z okazji zaręczyn naszej kuzynki BRONI GELBARD (Paryż) z HENRYKIEM GLIKSMANEM (Radomsko),
serdecznie winszują
MAURYCOSTWO ELSTER

Przyjmi serdeczne życzenia najdroższa siostro BRONIU z intencji zaręczyn Twoich z panem HENRYKIEM GLIKSMANEM, niech wam szczęście sprzyja
SZLAMEK WINTER z ŻONĄ.

Z intencji zaręczyn siostry naszej BRONI GELBARDÓWNY z panem HENRYKIEM GLIKSMANEM,
składają serdeczne życzenia
JAKÓB GELBARD z ŻONĄ.

בברכת מז"ט חמה ונלבבה הננו מברכים לחברנו היקר מר **יוסף זשולטאבראַצקי** לרגלי ארושיו את בחירת לבו העלמה **אסתר ווייס** מפה. יזכה לבנות ביתו על הרי יהודה וירושלים.

ברוך מיאַדאָווניק
טשענסטאָכאָוו. יעקב יהודה אראָנאָוויטש

ב"ה.

גדא טבא!

את עסקננו הנלהב סגן יו"ר הסתדרותנו
הבר **יוסף זולטוברוצקי** לארוסיו עם העלמה **אסתר ויס**
הננו מברכים בברכת מזל-טוב לבבית.
בשם הסתדרות „**פרעלי אגודת ישראל**" בצ'נסטוכוב **הועד.**

ידידנו יוסף!

קבל נא גם מאתנו ברכת מזל טוב לארושיך

אהרן יוסטמן,
שמחה בונם רבינוביץ.

אלעראַרט ביטענד

און בעהערדען געריכטען (סאָנדעס), קאָנסולאַטען, קאָרעקטע-איבערזעצונגען פון פרעמדע שפּראַכען. פּערפעקטע האַנדעלס און פּריוואַט-קאָרעספּאָנדענץ. איבערשרייבונגען אויף מאַשינען
ערלעדיגט פּונקטליך דאָס ביוראָ

S. STRAUSMAN, Częstochowa
I-a Aleja № 3, tel. 705.

FUTRA

wszelkiego rodzaju **po cenach przystępnych**
poleca na bieżący sezon

Maurycy KORNBERG

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6 TEL. 259.

זונטאָג י"ט כסלו תרצ"ב, דעם 29-טען ליסטאָפּאַד 1931 י., 10 א זייגער אין דער פריה צו דער ערשטער יאָהרצייט פון אונזער אונפערגעסליכען
מאַן און פאָטער

נ"ע אהרן פעלץ

וועט אויפ'ן בית עלמין פאָרקומען **א הזכרה** דורכ'ן שטאָדט-חזן ה' יוסף באַדאַש, צו וועלכער עס ווערען איינגעלאַדען קרובים און בעקאַנטע.

זי' אין טרויער פערבליבענע

פרוי, טאָכטער און איידעם.

ליבהאָבער קרייז פון מוזיק און געזאַנג „**ליראַ**".

מאָנטאָג, דעם 30 ד.ח. פּונקטליך 9 אָוועגד וועט אין זאַל פון „**גראַנד = קינאָ**"

אַ גרויסער קאָנצערט

פון סימפאָנישען אָרקעסטער און געמישטען כאָר אונטער דער אַנפיהרונג פון **פּראָפ. י. זאַקס.**

אין פּראָגראַם: ציגיינער ליעד פון שומאַן, פרייער שיסער פון וועבער, סקעלעטען-טאַנץ פון סאַנט-סענס, האַמלעט פון ע. באַך.

ווי אויך אויפ'ן אַלגעמיינעם פערלאַנג פון פּובליקום ווערט געגעבען צום צווייטען מאָהל
דאָס בעריהמטע מייסטערווערק פון מענדעלסאָן **וואַלפּורגס = נאַכט**

מיט'ן אַנטייל פון די בעקאַנטע אין אונזער שטאָדט סאָליסטען ה"ה: **עדעליסט און גראַבינער.**

בילעטען פון 75 גר. ביז 2,50 צו בעקומען אין דרוק. פון ה' באַטשאַן אַלעע 6, ביי ה' אַבראַמאָוויטש אַלעע 28 און אין טאָג פון קאָנצערט פון 8 אָוועגד ביי דער קאַסע

אויפ'ן פערלאַנג פון פּובליקום!

וועט היינטיגען **פּרייטאָג**, דעם 27-טען ד. י. צו קבלת שבת דאַווענען אין דער שוהל „אוהל יעקב" דער וועלט-בערימטער 12-יעהריגער חזן

איטשעלע טיללעס.

בילעטען אין פרייז פון 50 גראָשען צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באַטשאַן אַלעע 6 און אין גאַלאַנטעריע-געשעפט פון ה' לוקסענבערג, נייער מאַרק 3.

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַך איך בעקאַנט די ג' אָבנעמער, אז איך האָב געעפענט אין טשענסטאָכאָוו

ערשטע אַלעע 4 (ערשטער שטאָק, פראָנט)

א לאַגער פון מאַנופאַקטור=סחורית א.ד.פ.

„HURTOTEX"

ד. איזביצקי

און איך האָב פערזעהען אין א גרויסען אייסוואַהל פון:
וואָלענע, זיידענע און בוימוואָלענע סחורות
וואָס ווערען פערקויפט צו פאַבריקס=פרייזען.

די לייטונג האָב איך איבערגעגעבען דעם ה' **משה פּויסט.**

עס ווערען געזוכט!

יונגלעך מיט שטימען פון 8 ביז 12 יאָהר צום כאָר פון דער נייער סינאַגאָגע.

אויסער דעם האָנאָראַריום, וועלען די יונגלעך זיך אויסלערנען **זינגען** פון **נאָטען** ווי אויך **מוזיק.**

זיך ווענדען: יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג צווישען 7 און 8 אָוועגד אין וואָראָנגעלישען זאַל אין דער געזעלשאַפט „ליראַ" צום דיריגענט ה' **זאַקס.**

צו וואָס דאַרפט איהר צאָהלען טהייערער?

אז איהר קאָנט צאָהלען ביליגער!

די בעסטע קוואַליטעטען פון אלערליי
רויכער-פליישען, וואורשט, אויפשניט, פּאַרובקעס
און **שמאַלץ, צו זעהר ביליגע פרייזען**
נור אין דער פירמע פון

ז. אבראַמאָוויטש,
וואַרשעווער 4.

אויב איהר וועט איינמאָל ביי אונז קויפען, בלייבט איהר אונזער שטענדיגער קונה.

געדענקט די אדרעס:

ז. אבראַמאָוויטש, וואַרשעווער 4, רוג נייער מאַרק.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע פריינד רעד.
ה' ישראל פלאַצקער און פרוי צוליב'ן טויט פון זייער ברודער און שוואָגער

נ"ע פלטיאל זאַמבעק

המקום ינחם אותם בתוך שערי אבלי ציון וירושלים.

ב. באַטשאַן און פרוי.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער **פאַמיליע פאַלטאַווסקי**
צום טויט פון אונזער מחותן

נ"ע אברהם שלמה פון ראַדאָמסק.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

יצחק מענדיל עפשטיין, פרוי און פאַמיליע.

אַ גוט-רוטינירטע בוכפיהרערין

קאָרעספּאָנדענטין
שרייבט אויף מאַשין   זוכט בעשעפטיגונג
פאַר שעה'דיגע אַרבייט. ערקונדיגען אין רעד. פאַר ג. מ.

ד"ר מעד. **ח. פּאָלק**

ספּעציאַליסט פון
נאָז, אויערן און **האַלז-קראַנקהייט**
נעמט אָן פון 2—12 און פון 7—5
קאָשטשושקי 14. טעל. 15=8.

אַלגעמיינע אַרבעטער-ביבליאָטעק אין טשענסטאָכאָוו.

אַ גרויסער

ושאַק=לעווי=אָוועגד!

דער בעוואוסטער קינסטלער און רעציטאַטאָר
ושאַק לעווי טרעט אויף **מאָרגען שבת 8 אָוועגד, אין פייערלעשער-זאַל**
מיט א גאַנץ נייעם פּראָגראַם: **פראַגמענטען, סצענעס** און **פאָלקס-לידער.**

ושאַק לעווי איז בעקאַנט אַלס איינעם פון די בעסטע און גלענצענדסטע יודישע רעציטאַטאָרען.

Szkoła tańców

baletm **K. KOSTECKIEGO**
w lokalu własnym **Waszyngtona 6**
uczy Ostatnie Nowości sezonu „Romba"
Tango argentino, Fox Step, Walc-boston
i inne. w kompletach i pojedyńczo,
Yapisy na kursy I - II - III Mazury codz.
od 10 rano do 9 wiecz.

פּראַקטישע לעקציעס יעדען שבת 8 אָוועגד
לעצטע מוזיק-שלאַגערס. — פאַר פרויען—הנהה.

א **גרויסער פּלאַץ** אין צענטרום שטאָדט אויף אָבצולעגען אייז אדער אויף עפּעס אַנדערש
שוין צו פערדינגען.
זיך ווענדען צו: זיידמאַן, קאָפּערניקאַ 5.

די חברה „**מלבוש ערומים**" מאַכט בעקאַנט, אז
שבת=חנוכה 9 א זייגער פריה
בעת'ן דאַווענען אויף **גאַרנצאַרסקאַ 21** וועט פאָרקומען דאָס פערטיילען **60 פאָר שוך פאַר אָרימע קינדער.**
די היגע ג' בעלי-בתים ווערען געבעטען צו זיין אנוועזנד.

עס איז דאָ אָבצוטרעטען אַ האַלב געוועלב אין בעסטען פּונקט און א גוט איינגעפיהרט געשעפט.
ערקונדיגען זיך אין רעדאַקציע פאַר S

אויפפאָדערונג.

איך פאָדער אויף צום לעצטען מאָל דעם קרשעפּיצער רב שליט"א מיט מיר צו האַלטען א דין-תורה אין פערלויף פון 8 טאָג, אין געגענטייל בין איך געצוואונגען די זאַך איבערצוגעבען צו דער **גע-הערינער** מאַכט.

משה זאַוואַצקי, קרשעפּיץ.

ענטשולדיגונג.

פאַר אונזער אנטי-חבר'ישן אַרויסטריט געגען **פריז-יער-צעך**, ענטשולדיגען מיר זיך

לעזעראָוויטש, קעניגסבערג.

לאָזט נישט אונטערגעהן די קהלה-ווירטשאַפט!

(צו די פּרעזידיום-וואַהלען אין דער טשענסטאָכאָווער קהלה)

„על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו" —
„דעריבער זאָל דער מענש פערלאָזען זיינע עלטערען
און פעראייניגען זיך מיט זיין פרוי" (בראשית ב' כ"ד)

די דאָזיגע ווערטער זענען אונפערשטענדליך, ווייל ס'איז דאָך מעגליך זיך צו פעראייניגען מיט דער פרוי און נישט דאַרפען פערלאָזען די עלטערן; בעזונדערס זעהען אויס די ווערטער „על כן" צו זיין פולשטענדיג איבריג. דער דאָזיגער פסוק קען אַלזאָ אויך אויסגעטייטשט ווערען לויט פאָלגענדען אופן:

די טאָג - טעגליכע ערפאַהרונג בעוויזט, אַז דאָס צונויפפּאָרען אַ זיווג געלונגט נישט אַלע מאָל ווי געהעריג: עס טרעפט, אַז די כאַראַקטערען פון'ם נייעם פּאָר זענען ענטגעגענגעזעצטע, אַזוי, אַז ס'איז זיי נישט לייכט צווישען זיך אַדורכצוקומען. ביי אַזעלכע פאַלען פּאַסירט, דאָס ביי די מינדעסטע מיינונגס-פערשידענהייטען ברעכען אויס קריגערייען; עס ענטשטעהט אַ שנאה, אַ שפּאַלטונג צווישען פּאָר-פאָלק און די ווירטשאַפט ווערט דאַדורך פערנאַכלעסיגט, אין דער הויז - פיהרונג הערשט אַ כאַאָס, אַזוי, אַז אַלעס געהט אונטער — און טיילמאָל דערפיהרט עס אויך צו אַ גט.

דאָס טרעפט, ווען די צדדים זענען איינגעשפּאַרט, ווען יעדער האָט זיך זיינע אַמביציעס, פון וועלכע ער וויל אויף קיין האָר נישט אָבטרעטען.

ווען מען זאָל אָבער נעהמען אין בעטראַכט, ווי שווער עס איז די עלטערן אָנגעקומען, ביז זיי האָבען שוין דערלעבט די קינדער חתונה צו מאַכען און זיי איבערצוגעבען די פיהרונג פון אַ זעלבסטשטענדיגע הויז-ווירטשאַפט — די ליידען און צער, וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצושטעהן פון די קינדער, ביז ס'איז געקומען צו זייער חתונה, אָנהויבענדיג פון די געבורטס-וועהען, דאָס אַדורכמאַכען מיט זיי פערשידענע קראַנקהייטען, דאַן די שווערע אויפגאַבע פון ערציהונג און שפּעטער דאָס אויסגעפונען אַ פּאַסענדען זיווג—ווי גליקליך האָבען זיך דאַן די עלטערן געפיהלט, ווי גרויס איז זייער שמחה אונטער דער חופּה געוועזען; און צום סוף—צוליעב דער עקשנות'דיגער האַלטונג פון די קינדער, וועלכע ווילען נישט איינער דעם אַנדערן מיט עפּעס נאָכקומען, איז אַלעס צו-נישט געוואָרען: די שמחה פון די עלטערן — צושטערט, אַלע זייערע האָפנונגען—צורינען, די מיה און ליידען—לאיבוד.

דאָס קען אַלזאָ זיין די כונה פון אויבענדערמאָנטען פסוק: אַזוי ווי דאָרט אין דער פרשה רעדט זיך וועגען די שווערע ליידען פון אַ מוטער: „הרבה ארבה עצבונך והרונך", ווי אויך וועגען די געבורטס-וועהען—„בעצב תלדי בנים"—זאָגט דער פסוק: על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו"—זאָל דעריבער דער מענש, אויב עס קומט איהם אָן שווער דאָס צוזאַמענלעבען מיט דער פרוי, נעהמען אין אַכט די ליידען פון די עלטערן און מיטהעלפען*), אַז עס זאָלען ערפילט ווערען די האָפנונגען, וואָס די עלטערן האָבען אויף זיי געלעגט; זאָלען די קינדער פערציכטען אויף זייערע אַמביציעס, נישט זיין צופיעל איינגעשפּאַרט, נור יעדער זאָל פון זיין פערלאַנג עטוואָס אָבטרעטען אַזוי, אַז זיי זאָלען קענען קומען צו אַ פערשטענדיגונג—ודבק באשתו—און אַזוי-ערנאָך ערמעגליכען דאָס צוזאַמענלעבען מיט דער פרוי.

און יעצט אַ פּאָר ערנסטע ווערטער.

עס איז אַלעמען בעוואוסט, אַז די וואַהלען צו דער היגער קהלה זענען דער בעפעלקערונג נישט לייכט אָנגעקומען. פיעל מכשולים זענען געלעגען אויף דעם וועג, ס'האָט געקאָסט אַ סך געלד, מיה און אַרבייט, עס זענען אָבגעהאַלטען געוואָרען אַגיטאַציע-פערזאַמלונגען, וואָס זענען געווען פערבונדען מיט אויפרעגונג, געשרייען און עס האָט אַרויסגערופען מעהרערע מאָל אויך בייז בלוט, ביז די חבלי-לידה זענען ענדליך אַדורך, דאָס קינד—דער ראַט—איז צום מזל געבוירען געוואָרען. דערנאָך איז ענטשטאַנען אַנ'אַרבייט פון קלויבען זיווגים אין דער קהלה-פערוואַלטונג אַריין, וואָס זאָלען איבערנעהמען די ווירטשאַפט. דאָ האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז דער זיווג איז נישט אינגאַנצען געפּאַסט, נישט נאָר וואָס מען נעמט זיך נישט ווייטער צו בויען, נור אויך די ביז-יעצטיגע ווירטשאַפט ווערט כסדר פערנאַכלעסיגט—דעריבער ווענד איך זיך צו אונזערע אויסדערוועהלטע פאָרשטעהער: זאָל נישט צוליעב אייער שולד צושטערט און צו-נישט ווערען אַלעס, וואָס איז דורך אונזערע עלטערן געבויט און געשאַפען געוואָרען; וואַרפט אַוועק אייערע קאַפּריזען, האַלט אייך נישט אַזוי עקשנות'דיג ביי אייערע פּאַרטיי-אַמביציעס.

זאָל יעדער מוותר זיין פון זיין פערלאַנג און זעהען געגענזייטיג זיך ענטגעגענצוקומען. נעהמט אין אַכט די ליידען, מיה און אַרבייט פון אייערע עלטערן און פון די, וועלכע האָבען אייך אַנפערטרויט די קהלה-ווירטשאַפט און אַזוי פיעל האָפנונג אויף אייך געלעגט; העלפט זיי צו עס זאָל נישט קומען צו קיין רואין, געדענקט, אַז טשענסטאָכאָוו האָט תמיד געדיענט אַלס מוסטער פאַר אַנדערע שטעדט בנוגע שלום, צוזאַמענאַרבייט, געגענזייטיגע פערשטענדיגונג פון אַלע פּאַרטייען לטובת הכלל—אויך פייער און וואַסער פעראייניגען זיך צוזאַמען און דיענען פאַר'ן נוצען פון דער מענשהייט.

זאָל געשעהן דאָס נס דעם לעצטען מאָמענט — וד' יברך אותני בשלום!

נחום אַש אבדפ"ק.

בחודש כסלו תרצ"ב.

*) „עזב" — ווערט דאָ נישט געמיינט „פערלאָזען", נור „מיטהעלפען", ווי „עזב תעזוב".

צווייטע וואהל-זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג

ווידער אָבגעלעגט די וואַהלען ביז קומענדען מאָנטאָג.

מיט גרויס שפּאַנונג איז ערוואַרטעט געוואָרען די לעצטע זיצונג פון דער קהלה-פערוואַלטונג, וואו עס האָט ענדליך געדאַרפט אויסגעוועהלט צו ווערען דאָס פּרעזידיום פון דער פערוואַלטונג.

צו דער דאָזיגער זיצונג איז אויך דעלעגירט געוואָרען מצד דער אויפזיכטס-מאַכט דער רעפערענט פאַר יודישע ענינים ה' זשעמבאַ.

פּרעזעס ה' גאָלדשטיין עפענט די זיצונג און בעגריסט דעם רעפערענט און ערקלערט אַז אויפ'ן סדר-היום איז פערהאַן איין פונקט: וואַהלען פון פּרעזידיום.

ה' זשעמבאַ ערקלערט, אַז ער איז געקומען בעטען די דאָזאַרעס, אַז זיי זאָלען ענדליך אויסוועהלען דאָס פּרעזידיום, ווייל די קהלה לעבט איבער אַ שווערען קריזיס. גלייכצייטיג מאַכט ער אויפמערקזאַם, אַז ער האָט נישט בדעה אויף עמיצען צו ווירקען.

עס ווערען צוטיילט די צעטלען און אין רעזולטאַט ווייזט זיך אַרויס, אַז ה' גאָלדשטיין האָט בעקומען 7 שטימען און ה' וו. זשעריקער 5 שטימען. דאַן נעמט דאָס וואָרט ה' זשעמבאַ און ערקלערט, אַז דער אויסגאַנג פון די וואַהלען בעווייזט, דאָס די מעהרהייט נעמט נישט ערנסט די וואַהלען, ווייל עס איז דאָך בעוואוסט, אַז ה' גאָלדשטיין איז נישט בעשטעטיגט געוואָרען דורכ'ן מיניסטעריום און אויך האָט ה' גאָלדשטיין נישט געוואָלט אַרויסשטעלען זיין קאַנדידאַטור אויף דער לעצטער זיצונג, דעריבער בעט ער, אַז מען זאָל מאַכען נייע וואַהלען.

דאָס וואָרט נעמט ה' דר. מערינג, וועלכער ערקלערט, אַז די מעהרהייט האָט געוועהלט דעם ה' ג. אַלס דעם פּאַסיגסטען קאַנדידאַט און אַזוי ווי דער רעפערענט האַלט, אַז דאָס איז אַ דעמאָנסטראַציע [און פּעראָרדענט נייע וואַהלען, לייגט ער פאָר אַ הפסקה כדי זיך צו בעראַטען.

עס ווערט ערקלערט אַ הפסקה אויף אַ האַלבע שעה צייט.

נאָך דער הפסקה ווערט די זיצונג געעפענט און ביים טיש פעהלען די האַנדווערקער, קליינהענדלער און מצד די ציוניסטען איז נאָר געבליבען דאָזאַר מערינג, וועלכער גיט אַ ערקלערונג, אַז היות ווי קיין אַנדערע קאַנדידאַט קאָנען זיי נישט וועהלען און די אַרגומענטען פון ה' זשעמבע זענען נישט אויסגעהאַלטען, דעריבער, וועלען זיי אין די וואַהלען נישט נעמען קיין אַנטייל.

ה' זשעמבע ערקלערט: אַז ער האָט נישט קוועסטיאָנירט די וואַהלען, ער האָט נאָר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מיט'ן וועהלען דעם ה' גאָלדשטיין, זענען זיי נאָר אויסען געווען די זאַך צו פערשלעפען, בעטראַכטענדיג עס אַלס דעמאָנסטראַציע, וואָרום ה' גאָלדשטיין אַליין האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיין קאַנדידאַטור און אויך דאָס מיניסטעריום האָט נישט בעשטעטיגט די ערשטע וואַהלען. און ווען די מעהרהייט ערקלערט, אַז זי וויל דוקא וועהלען דעם ה' גאָלדשטיין, האָט ער גאָהר נישט דאַגעגען, קאָן מען צוטרעטען צו וועהלען אַ וויצע-פּרעזעס.

דאָזאַר ראָזענבערג מאַכט אָבער אויפמערקזאַם, אַז עס איז נישט פערהאַנען קיין קוואָרום, ווערט דעריבער לויט אַ פערשטענדיגונג צווישען פּרעזעס גאָלדשטיין מיט'ן רעפערענט זשעמבאַ בעשלאָסען די זיצונג אָבצולייגען.

איידער די זיצונג ווערט נאָך געשלאָסען פרעגט דער ה' זשעמבאַ דעם ה' גאָלדשטיין צו ער נעמט אָן דעם דאָזיגען אַמט, אויף וועלכען ה' גאָלדשטיין ערקלערט, אַז לויט די ערקלערונגען פון רעפערענט, וועלכער בעטראַכט זיין קאַנדידאַטור אַלס דעמאָנסטראַציע און אויך צוליעב דעם, וואָס לויט די רייד פון ה' זשעמבאַ, ווייזט זיך אַרויס, אַז זיין קאַנדידאַטור וועט דורך דעם מיניסטעריום נישט בעשטעטיגט ווערען, זאָגט ער זיך קאַטעגאָריש אָב, אַרויסצושטעלען זיין קאַנדידאַטור אַלס פּרעזעס פון דער יודישער קהלה.

מיט דעם ווערט די זיצונג געשלאָסען און עס ווערט בעשטימט אַ צווייטע זיצונג אויף מאָנטאָג ד. 30 ד. ח.

צי איז רעוומאַטיזם און פּאָדאַגרע היילבאַר?

ווי עס איז אַלגעמיין בעוואוסט, שטאַמען רעוומאַטיזם, פּאָדאַגרע און עהנליכע ליידען דערפון וואָס עס זאַמעלט זיך האַרנזויער אינ'ם אָרגאַניזם. האַרנזויער בעשטעהט פון קליינע נאָדעלשפּיציגע קרישטאַלען, וועלכע בעזעצען זיך אין די מוסקולען און אַנדערע גלידער און וואָס פּעראורזאַכען אַ סך מאָל ביי די קלענסטע בעוועגונג שרעקליכע שמערצען. בפרט אין די געלענקען קענען די שאַרפע קרישטאַלען גורם זיין די ערגסטע שטעכונגען און אויס דעם בעטרעפענדען מענש אַ קריפּעל מאַכען דער אונגליקליכער קראַנקער, געפּייניגט פון שרעקליכע ווייטאַגען, פּערלירט שטופענווייז די קראַפט אין זיינע גלידער. אויך ה' א. העפּליך, לאָדזש, ראָקיצינסקאַ 25 האָט פיעל געליטען ביז ער האָט דאָס ריכטיגע מיטעל געגען זיינע ליידען געפונען. ער שרייבט אונז צ. א.: מיט 4 יאָהר צוריק האָב איך געהאַט דעם ערשטען אַטאַק פון רעוומאַטיזם. דורך הייסע בעדער האָב איך אָנפאַנגס] געפּיהלט אַ בעסערונג, אָבער תיכף זענען די שמערצען נאָך העפטיגער צוריקגעקומען און איך בין פון זיי נישט פּטור געוואָרען. מיין רעכטע קניה איז אָנגעשוואָלען און גאַנץ שטייף געוואָרען. ביים געהן אויף טרעפּ האָב איך איין פוס געמוזט נאָכשלעפען. ווען איך בין אַ לענגערע צייט געזעסען, איז מיר געווען שווער אויפצושטעהן. גראָד דאַמאָלס לעז איך אין דער צייטונג, אַז אַ הער פון לעמבערג האָט זעהר גוטע ערפאַהרונגען מיט טאָגאַל געמאַכט, אויך מיר האָבען די טאָבלעטען גלענצענד געהאָלפען, איך געה ווידער ווי פריהער, אַזוי ווי כ'וואָלט קיינמאָל נישט געקרענקט אויף רעוומאַטיזם. עהנליך זענען מודיע טויזענדער מענשען וועלכע האָבען בענוצט טאָגאַל ביי רעוומאַטיזם, פּאָדאַגרע, ברעכען אין קזשוזש, רייסען אין די געלענקען, נערוועז און קאָפּ-שמערצען, גריפּע, פערקיהלונגען און עהנליכע קראַנקהייטען, אַפילו ביי לאַנגיעהריגע ליידען האָט מען מיט טאָגאַל דערגרייכט איבעראַשענדע ערפאָלגען, ווייל עס איז עוקר מן השורש די קראַנקהייט. אונשעדליך פאַר'ן האַרץ, מאַגען און אַנדערע אָרגאַנען. אייב טויזענדער דאָקטוירים פערשרייבען טאָגאַל טאָ קענט איהר דאָך אויך מיט דעם פולסטען צוטרוי עס קויפען. צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען.

גרייט אייך צו

צו דער גרויסער חנוכה = פייערונג

וואָס עס אָרדענט איין אין חנוכה די זעלבסט-הילף

ביים יודישען געזעלשאַפטליכען גימנאַזיום.

פּרטים אין קינפטיגען נומער!

(31

די פערפאַלגטע.

ראָמאַן פון יודישען לעבען אין איטאַליע, אין 19-טען יאָהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך י. געלזאָהן.

(פאָרטזעצונג).

גובערנאַטאָר מאַראַניא איז נישט געווען איבעראַשט פון וויקטאָר'ס ענטפער, ער האָט זיך פריהער פאָרגעשטעלט, אַז זיין ענטפער קען אַנדערש נישט זיין, אָבער פאָרט האָט ער געטראַכט, אַז מרים קען אַמאָל האָבען אַ אַנדערע מיינונג. אמת, זי האָט צו איהם די גרעסטע אַכטונג, אָבער פאָרט קען מען קיין פרויען-האַרץ נישט בערעכענען און דעריבער האָט ער געזאָגט צו וויקטאָר'ן:

איך וויל, אַז איהר זאָלט דאָס אַדורכרעדען מיט אייער שוועסטער, און מיר וואָס פריהער געבען אַ קלאָרען ענטפער.

איהר קענט ה' גובערנאַטאָר רוהיג זיין, אַז דער ענטפער פון מיין שוועסטער וועט זיין נישט אַנדערש ווי מיינער—האָט וויקטאָר געזאָגט—זי וועט זיך זיכער שעצען גליקליך מיט אייער פאָרשלאָג.

אַ קורצע צייט איז וויקטאָר נאָך געזעסען ביי עמנואל מאַראַניא און ווען ער איז אַוועק אַהיים האָט איהם מאַראַניא געזאָגט:

אַלזאָ מאָרגען באַלד אינדערפריה וועט איהר ביי מיר זיין, נאָך איידער מרים וועט קומען צו דער אַרבייט.

אַזוי וועט זיין ה' גובערנאַטאָר—האָט וויקטאָר געענטפערט.

די גאַנצע צייט וואָס וויקטאָר איז געווען ביים גובערנאַטאָר איז מרים געזעסען און געטראַכט ווענען וואָס מאַראַניא האָט געקענט רופען צו זיך איהר ברודער.

דאָס האַרץ האָט איהר געזאָגט און זי האָט אינערליך געפיהלט, אַז דאָס איז צום גוטען, אָבער זי האָט זיך נישט געקענט אָבגעבען קיין רעכנונג וואָס דאָ קען האָבען פאָרגעקומען. עס איז איהר זאָגאַר געקומען אויפ'ן געדאַנק, אַז דאָס זאָל האָבען אַ צוזאַמענהאַנג מיט איהר, ווייל זי האָט אינערליך געפיהלט אַז מאַראַניא איז צו איהר נישט גלייכגילטיג, אָבער פאָרט האָט זי נישט געקענט צו זיך צולאָזען דעם גליקליכען געדאַנק, אַז ער זאָל דאָס מיינען ערנסט און אַז דאָס זאָל זיין די אורזאַך, וועגען וואָס ער האָט וויקטאָר'ן צו זיך גערופען.

אַזוי איז זי געזעסען אין דער גרעסטער שפּאַנונג ביז די טיער האָט זיך געעפענט און וויקטאָר איז אַריינגעקומען מיט אַ זעהר פרעהליך פּנים.

דאַנקען גאָט, אַז דו ביזט פרעהליך—האָט מרים אויסגערופען—און איך האָב שוין געטראַכט אויב דער וויזיט וועט אונז נישט ברענגען עפּיס שלעכטס.

זאָל גאָט אָבהיטען — האָט וויקטאָר אויסגערופען — נישט קיין שלעכטס, נאָר זעהר גוטעס.

דו מאַכסט מיך נייגעריג—זאָג שוין שנעלער אין וואָס אייגענטליך ס'געהט—האָט מרים אויסגערופען אומגעדולדיג.

וויקטאָר האָט זיך אַוועקגעזעצט און איבערגעגעבען מרים'ען געניי אַלץ וואָס דער גובערנאַטאָר מאַראַניא האָט מיט איהם גערעדט. מרים האָט זיך אויסגעפרעגט אויף אַלע איינצעלהייטען פון דעם פאָרגעקומענעם געשפּרעך, און מיט יעדער מינוט האָט זי אַלץ מעהר אויפגעשיינט, ביז זי האָט ענדליך אָנגעהויבען שטאַרק וויינען.

דו וויינסט מיין טייערע שוועסטער—האָט וויקטאָר געזאָגט ערשטוינט.

יאָ, איך וויין, ווייל אונזערע טייערע עלטערן האָבען נישט געהאַט די מעגליכקייט צו זיין אָנוועזענד אויף אונזער גליק.

ערשט דאַן האָט זיך וויקטאָר שטאַרק צוויינט, זעהענדיג, אַז זיין שוועסטער פיהלט זיך גליקליך מיט דעם פאָרשלאָג פון עמנואל מאַראַניא און ער האָט צוגעגעבען:

אויב גאָט האָט אונז צוגעשיקט אַזאַ גליק, גלויב איך אַז מיר וועלען נאָך האָבען דאָס גליק צו זעהן אונזערע עלטערן, מיט וועלכע מיר וועלען אונזער גליק טיילען.

ביי גאָט איז אַלץ מעגליך—האָט וויקטאָר געזאָגט.

שוועסטער און ברודער זענען געווען אַזוי בערוישט פון דעם גרויסען גליק, אַז זיי זענען די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען, נאָר אַלץ גערעדט וועגען דעם גרויסען גליק וואָס שטעהט זיי פאָר.

אויך דער גובערנאַטאָר עמנואל מאַראַניא האָט געהאַט אַ שלאָפלאָזע נאַכט און מיט דעם גרעסטען אונגעדולד האָט ער געוואַרט אויפ'ן טאָג, ווען ער זאָל שוין הערען פון וויקטאָר'ן מרים'ס ענטפער.

און דער ענטפער איז געקומען. צו דער בעשטימטער צייט האָט זיך בעוויזען וויקטאָר און איבערגעגעבען מאַראַניא'ן דעם צושטימענדען ענטפער פון זיין שוועסטער.

אין עטליכע טעג אַרום איז שוין אין מיילאַנד בעקאַנט געוואָרען, אַז דער יונגער גובערנאַטאָר עמנואל מאַראַניא האָט זיך פערליעבט אין זיין סעקרעטאַרין מרים פעלדמאַן מיט וועלכער ער וועט חתונה האָבען און דאָס האָט אין דער שטאָדט אַרויסגערופען גרויס אויפזעהען.

.21

אין איטאַליען איז פאָרגעקומען אַ איבערקעהרעניש אינ'ם גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען.

דער אַלטער פּויבסט איז געשטאָרבען אין טיעפען עלטער און צוליעב זיין עלטער, וואָס ער האָט נישט געקענט וויסען אַלץ וואָס קומט פאָר אין די קירכליכע אָנגעלעגענהייטען, האָבען די יעזואיטען געקענט טהון וואָס נאָר זיי האָבען געוואָלט, עס זענען אין נאָמען פון דער קירך אָבגעטהון געוואָרען זאַכען צו וועלכע דער פּויבסט וואָלט געוויס נישט דערלויבט, אָבער מען האָט איהם אָבגענאַרט און די יעזואיטען האָבען אין זיין נאָמען פערשוועכט די קירכע מיט זייערע מעשים.

צווישען די איינפלוסרייכע בירגער אין רוים האָט געהערשט אַ פערביטערונג געגען דער הערשאַפט פון די יעזואיטען. און דאַריבער ווען דער פּויבסט איז געשטאָרבען און די יעזואיטען האָבען געוואָלט אויף זיין אָרט בעשטימען דעם ערשטען פּויבסטליכען נונציוס, וועלכער איז געווען בעקאַנט מיט זיינע נישט-שעהנע מעשים, האָט דאָס אַרויסגערופען אַ שטורם אין רוים און די גרעסטע אַדעל-מענער האָבען ערקלערט, אַז אויב די מאַכט איבער דער קירך וועט איבערגעגעבען ווערען דעם דאָזיגען מאַן, וועלען זיי ערקלערען אַ עפענטליכען קריעג דער קירך און וועלען אינגאַנצען אומוואַרפען איהר הערשאַפט.

די דאָזיגע ענערגישע פאָדערונג האָט געהאַט איהר ווירקונג און אַלס פּויבסט איז טאַקי בעשטימט געוואָרען אַ קאַרדינאַל, וועלכער איז געווען בעוואוסט מיט זיינע ליבעראַלע אַנשויאונגען און זיין עהרליכען מענשליכען כאַראַקטער.

דער דאָזיגער נייער פּויבסט איז געווען איינער פון די אַמאָליגע פריינד פון אהרן פעלדמאַן.

(פאָרטז. קומט).

יודען און די פאַרשטעהענדע פאָלקס-צעהלונג אין פוילען.

עס איז, דוכט זיך, נישטאָ קיין שום אומה ולשון אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע בעזיצט אַזאַ פערשידענאַרטיגען קאָמפּלעקס פון עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטליכע און גייסטיגע פּראָבלעמען, וועלכע זענען אונגעהויער פערוויקעלט און צאָהלרייך, ווי דאס יודישע פאָלק. דער איין-איינציגער גורם, וועלכער האָט די דאָזיגע אַלע פראַגען אַרויסגערופען איז, ווי עס שיינט, די צושפּרייטקייט פון יודישען פאָלק איבער'ן גאַנצען ערד-קוגעל, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען, ווי פיעל היסטאָריקער בעהויפּטען, נאָך אין הורדוס-צייטען. צוליעב'ן וואוינען פון יודען אין פערשידענע וועלט-טיילען, צווישען רערשידענע פעלקער, איז די יודען-פראַגע, געוואָרען קאָמפּליצירט, כמעט אונלעזבאַר; יודען האבען אין משך פון זייער גלות-געשיכטע, פיעל מיטגעשאַפען אין זייערע וואוין-לענדער פערשידענע קולטור-ווערטען; פיעל געלייסטעט פאַר דער אייראָפּעאישער קולטור; עס איז כמעט נישטאָ קיין לאַנד אין אייראָפּאַ, וואו יודען האָבען נישט פיעל מיטגעהאָלפען צו איהר עקאָנאָמישען און גייסטיגען אויפבליה און אויפשטייג. און עס איז כדאי אונטערצושטרייכען: יודען, וועלכע בעזיצען אַן'אונגעהויערע צופּאַסונגס-פעהיגקייט צו אַלע אומשטענדען און בעדינגונגען, טראָץ די פערשידענע פערפאָלגונגען און רדיפות, וועלכע זיי האבען געהאַט און האבען איצט אויך אויסצושטעהן אין פערשידענע לענדער זענען זיי פאַרט צוגעבונדען מיט טויזענדער פעדים צום לאַנד, וואו זיי וואוינען; זענען זיך מוסר נפש פאַר זיין וואוילשטאַנד און צוגליק—און אפשר נאָך מעהר—מיט אַלע בירגער געהען זיי אין ערשטען פייער, כדי צו שיצען דאס לאַנד און דערהויבען זיין עקאָנאָמישען און גייסטיגען ניוואָ.

ווי בעוואוסט, קומט פאַר ביי אונז אין פוילען דעם 9-טען דעצעמבער אַ פאָלקס-צעהלונג. עס איז דעריבער כדאי זיך עטוואס אָבצושטעלען אויף דעם דאָזיגען ענין און איהם אַביסעל ברייטער אַרומצורעדען, צו ערקלערען וואס פאַר אַ בעדייטונג דאס האט בכלל און פאַר אונז, יודען, בפרט.

מיר ווייסען גאַנץ גוט, אַז איצט, בעת עס בושעוועט אין דער יודישער גאַס אַזאַ אונגעהויער שווערער, ממש אונערטרעגליכער קריזיס, זענען די געמיטער נישט מסוגל עוסק צו זיין אין אַזעלכע ענינים; בעת די מאָגען-פראַגע פייניגט און מאַטערט היינט יעדען איינציגען, זעהט אויס, אין פליג, די דאָזיגע פראַגע אַלס אַ צווייט אָדער דריט-ראַנגיגע. אין דער אמת'ן אָבער, ווען מיר פערטראַכטען זיך אַביסעל מעהר וועגען איהר, קומען מיר, ווילענדיג נישט-ווילענדיג, צוּ דער מסקנה, אַז זי האָט אַ קאָלאָסאַל-וויכטיגע בעדייטונג.

קודם-כל וויכטיג איז, אַז מיר זאָלען גענוי וויסען, וויפיעל יודען צעהלט היינט-צו-טאָג די פוילישע רעפּובליק; מיט'ן דאָזיגען ענין זענען ענג פערבונדען און צונויפגעקלאָמערט אַ גאַנצע רייהע אַנדערע וויכטיגע פראַגען. דער עיקר דאַרפען מיר לענקען די אויפמערקזאַמקייט פון די יודישע מאַסען אין לאַנד, אַז זיי זאָלען נישט פערגעסען, בשעת'ן אויספילען די פערשידענע רובריקען, אונטערצושטרייכען, אַז זייער נאַציאָנאַלע מוטער - שפּראַך איז ה ע ב ר ע א י ש אָדער י ו ד י ש, ווארום קיין ספּעציעלע רובריק פון נאַציאָנאַליטעט, ווי מען שמועסט, וועט נישט זיין. אויב מיר וועלען דאס דאָזיגע נישט טהון וועלען מיר אייגענהענדיג פערגיכערען דעם אַסימילאַציע-פּראָצעס. ווארום—אַ פּשיטא—אויב מיין נאַציאָנאַליטעט-אָנגעהעריגקייט גיב איך נישט אָן און מיין מוטער-שפּראַך איז נישט די העברעאישע אָדער יודישע, בעדייט עס גאַנץ קלאָר און דייטליך, אַז איך בעלאַנג לחלוטין נישט צו דער יודישער נאַציע; און ווען אַלע וועלען אַזוי טהון, קומט דאָך אויס, אַז קיין יודיש פאָלק איז אין פוילען גאַרנישט בנמצא. דאס וואָלט גאַנץ פּשוט געהייסען, אַז מיר געבען געוועהר אין די הענד פון אונזערע געשוואוירענע אַסימילאַטאָרען, וועלכע גאַרען און לעכצען אויסצומעקען דעם נאָמען: „יוד", מיר זענען נישט קיין בעזונדער פאָלק, מיט זיינע ספּעציפישע נאַציאָנאַלע אייגענאַרטען, וועלכעס האָט זיינע בעזונדערע קולטור-בעדערפנישען און אַנ'אייגענאַרטיגען נאַציאָנאַלען פּרצוף — „נור מיר זענען, אַזוי צו זאָגען „פּאָליאַקען פון משה'ס גלויבען". מיט איין וואָרט: ווען מיר וועלען נישט גענוי אָנגעבען העברעאיש אָדער יודיש אַלס אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך, וועלען מיר בידים צושטערען אונזער גרויסע נאַציאָנאַלע אַרבייט אין משך פון די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען, וואס מיר האבען זיך מוסר נפש געווען פאַר איהר.

דעריבער דאַרף יעדער יוד געדענקען, אַז ביי דער פאָלקס-צעהלונג וועלכע קומט פאַר דעם 9 דעצעמבער מוז ער אומבעדינגט צוו. אַנד. אַנגעבען העברעאיש אָדער יודיש אַלס זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך.

אברהם.

„טאָז".

II

די אַרבייט אין קליינעם מאַסשטאַב.

ביים גרינדען דעם „טאָז" האט מען געמוזט די הויפּט - אויפמערקזאַמקייט שענקען דעם קינד אין שול און פאַר-שול-עלטער, ווייל, וועלענדיג עפּעס טהון פאַר דעם אויפוואַקסענדען דור, האט מען געמוזט בעמערקען די אויסערגעוועהנליך קלאָגעדיגע לאָקאַלע בעדינגונגען אין וועלכע ס'געפינען זיך כמעט אַלע חדרים - לאָקאַלען, וואו עס ווערען דערצויגען די קינדער און וואו זיי זענען געצווינגען צו פערברענגען דעם גרעסטען טייל פונ'ם מעת-לעת.

די לאָקאַלען זענען מעהרסטענטייל ענגע, וועניג-בעלויכטענע, אָהן זון און אָפט זענען זיי בלויז אַ טייל פון דער פריוואַטער דירה פונ'ם מלמד. נישט זעלטען איז אויך דער פאַל, אַז דאס חדר-צימער דינט אויך דעם מלמד אַלס עס-אָדער-שלאָף-צימער.

גימנאַסטיק ווערט דאָרט אינגאַנצען נישט געלערנט. די וודרים-יוגענד איז דעריבער ס'רוב פערקריפּעלט, בלוט-אָרים און בלאַס; דער גרעסטער טייל פון איהר האט שמאָלע און פלאַכע ברוסט - קאַסטענס, זיי זענען דערום קאַנדידאַטען אויף אַלערליי קרענק, וואס פערוואַנדלען זיך מיט דער צייט אין כראָנישע אונהיילבאַרע.

דער „טאָז" האט דערפראַפּאַר אַלעם איינגעפיהרט אַ סאַניטאַר - היגיענישע אויפזיכט איבער די יודישע פאָלקס-שולען, וואס געפינען זיך נישט אונטער דער אויפזיכט פון די קאָמונאַלע זעלבסטפערוואַלטונגען און אין דער ערשטער רייהע איבער די רעליגיעזע שולען.

די אַרבייט אויף דעם געביעט איז נישט געווען אַרויסגעוואָרפען. צום שבח פון די מלמדים מוז געזאָגט ווערען, אַז קיין ספּעציעלע שטערונגען האבען זיי דעם „טאָז" נישט געמאַכט. די ענדערונגען פון די לאָקאַלע בעדינגונגען איז געווען שווער מיט אַמאָל אַדורכצוזעצען, צוליעב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע אין וועלכער ס'געפינען זיך די מלמדים, אָבער קיין בייזען ווילען, קיין להכעיס-פּאַקטען זענען נישט פאָרגעקומען. די שול-לאָקאַלען האבען בעקומען אַ מעהר-מענשליכען אויסזעהען און אויב מ'האט זיי צוליעב מאַטעריעלע סיבות אין דעם הערשענדען דירות - מאַנגעל נישט געקענט פערטוישען האט מען לכל הפחות דעם דאָזיגען לאָקאַל בעפרייט פון אַלע נישט-נויטיגע מעבעל-שטיק, לאַקירט, בעזאָרגט מיט די נויטיגע היגיענישע מכשירים.

די סאַניטאַרע אויפזיכט איבער'ן שול-לאָקאַל איז אָבער וועניג. דער געזונד-צושטאַנד פון דער שול און ספּעציעל חדר-יוגענד האט געצווינגען די „טאָז"-אָרגאַניזאַטאָרען צו פערנעהמען זיך מיט יעדען קינד אינדיווידועל: אויספאָרשען זיין געזונד-מצב און בעמיהען זיך איהם צו העלפען.

צוליעב די ספּעציפישע לעבענס-תנאים פון די ברייטע יודישע מאַסען, איז די היגיעניש-פּראָפילאַקטישע אַרבייט צווישען דער דערוואַקסענער יודישער בעפעלקערונג זעהר אַ שוואַכע און איז אָפט פּעראורטיילט אויף אַ מיסערפאָלג. די ספּעציפישע בעציהונג צו היגיענע-ענינים, דער שווערער לעבענס-קאַמף, רעליגיעזע פאָראורטיילען, דאָס נישט וועלען און נישט קענען ענדערן דעם נישט-היגיענישען לעבענס-שטייגער, — די אַלע מאָמענטען זענען געווען זעהר וויכטיגע שטערונגען, מיט וועלכע ס'איז אויסגעקומען צו קעמפען. היגיענע האָט דער דערוואַקסענער דור בעטראַכט מיט ביטול אַלס אַן'אוננויטיגע און איבעריגע זאַך.

צו קעמפען מיט די פּאָראורטיילען פון דערוואַקסענע מענשען איז זעהר שווער, דעריבער האָט דער „טאָז", שטרעבענדיג געזונד צו מאַכען די יודישע מאַסען און איינצופלאַנצען איי-זיי די ליבע צו אַ היגיענישען לעבענס-שטייגער, קאָנצענטרירט זיין אַרבייט קודם-כל אויף דער יוגענד.

דאס קינד, וואס איז פון די יונגסטע יאָהרען צוגעוואוינט געוואָרען צו היטען די עלעמענטאַרע פּרינציפּען פון היגיענע, איז נישט בלויז, וואס עס האַלט איין די דאָזיגע פּרינציפּען אין משך פון גאַנצען לעבען, נאָר עס ווירקט אויך אויף דער סביבה פון זיין משפחה, אויף עטליכע מענשען, וועלכע פאָלגען נישט-ווילענדיג נאָך דעם קינד.

די היגיעניש-סאַניטאַרע אַרבייט צווישען קינדער אין שול-עלטער איז, אַלזאָ, נישט קיין אָבגעטיילטע אַרבייט, נאָר העלפט אונבעדינגט מיט אויפצוהויבען דעם היגיענישען מצב פון די ברייטע מאַסען פון דער בעפעלקערונג און איז דעריבער בעטראַכט געוואָרען אַלס איינע פון די הויפּט-אויפגאַבען פון „טאָז".

די שול - מעדיצינישע אַרבייט, וואס איז איבעראַל אין אַלע „טאָז"-אָבטיילונגען אָנגעהויבען געוואָרען, האָט איינגעפיהרט סיסטעמאַטישע אונטערזוכונגען פון יעדען שול-קינד אין שול (אויב די לאָקאַלע בעדינגונגען האבען עס ערלויבט) אָדער אין „טאָז"-קאַבינעט (אויב די אַרבייט האט אין שול-לאָקאַל נישט געקענט אַדורכגעפיהרט ווערען). שוואַכליכע און קראַנקע קינדער זענען גענומען געוואָרען אונטער אַ ספּעציעלער אָבסערוואַציע. צו דער ווירקזאַמקייט פון דער אַקציע איז נויטיג געווען צו שאַפען אַ נעץ פון אַנדערע הילף-אַנשטאַלטען פאַר דעם מעדיצינישען שול-קאַבינעט, אַלזאָ: אַקוליסטען-קאַבינעטען (פאַר אויגען-קראַנקהייטען), ציין-אַרצט-קאַבינעטען, ליכט-שטראַהל-קאַבינעטען און אַנדערע.

די אַלע אנשטאַלטען האבען זיך געמוזט פּעראינטערעסירען מיט'ן קינד נישט דאַמאלס, ווען ס'האט זיך געוואַנדען נאָך מעדיצינישע הילף, נאָר האבען גלייכצייטיג מיט'ן שול - דאָקטאָר, וואס איז עפּ"י רוב אַ ספּעציאַליסט פאַר אינערליכע קראַנקהייטען, אונטערזוכט די ראיה פונ'ם קינד זיין ציין - בעשטאַנד אד"ג.

באַלד ביים אָנהויב פון דער „טאָז"-אַרבייט, איז ערקלערט געוואָרען אַנ'אונברחמנות'דיגער קאַמף דער מיאוסער ספּעציפיש-יודישער קראַנקהייט — דעם פּאַרך און עס וועט נישט זיין איבערטריבען ווען איך וויל אונטערשטרייכען אַז דער „טאָז" האט פולקאָם די מחלה אויסגעראָטען, ווייל מיט'ן אויסנאַהם פון פּעראיינצעלטע רעצידיווע פאַלען, זענען אונזערע קינדער בעפרייט פון דער העסליכער מחלה.

דער „טאָז" האט אויך אַ גרויסען חלק אין דער מלחמה מיט דער שקאַרלאַטין-עפּידעמיע, וואס האט געהערשט אין יאָהר 1926.

פאַר דעם שול-קינד זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרען די בעשפּייזונגס-אַקציעס אין די ווינטער - חדשים און זומער-קאָלאָניעס-אַקציעס אין די זומער-חדשים.

דאָן איז איינגעפיהרט געוואָרען אין די חדרים גימנאַסטיק - לעקציעס דורך געשולטע אינסטרוקטאָרען.

וועגען דער ווייטערדיגער אַרבייט פון „טאָז"—די קומענדע וואָך.

י. ראָזינער

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

דאס פערכשופטע ראַד.

אַ קללה איז אויסגעגאָסען געוואָרען אויף אונזער קהלה, עפּעס אַ פערכשופ'ט ראַד, נישט אָהין און נישט אַהער.

באַלד ביים אָנהויב, ביי די ערשטע וואַהלען פון פּרעזידיום האט זיך דאס שפּיעל אָנגעהויבען. די ציוניסטישע פראַקציע האָט געלייענט אַ דעקלאַראַציע, אַז זי נעמט נישט קיין אַנטייל אין די וואַהלען און וועט נישט וועהלען דעם פּרעזעס. פון דאַמאלס אָן האָט זיך אָנגעהויבען דאס אומגליק, מען האט שוין פיעל מאָל געוועהלט דאס פּרעזידיום און דערביי האט מען רעזיגנירט, נישט אָנגענומען, ווייטער געוועהלט און נישט בעשטעטיגט און ווידער געוועהלט און עס איז אַנאָכאַמאָל גאָרנישט געוואָרען.

אַזוי ציהט זיך די געשיכטע שוין דעם זיבעטען חודש און ווי עס ווייזט אויס, וועט שוין קיין זיבעטל נישט געבוירען ווערען און סקעפּטיקער זאָגען, אַז הלואי זאָל דאס קינד געבוירען ווערען כאָטש צו די 9 חדשים...

די לעצטע זיצונג, וואס איז פאָרגעקומען דעם פערגאַנגענעם זונטאָג האט אויך גאָרנישט געבראַכט און מיר זענען ווידער געבליבען ביים אַלטען, ד"ה אָהן פּרעזידיום פון דער פערוואַלטונג. און וואס וועט זיין ווייטער?

די גאַלעריע איז געווען איבערפולט פון אַלטע און נייע דאָזאָרעס און פּרנסים און גלאַט נייגעריגע, וועלכע האבען זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיגער טראַגי-קאָמעדיע און מען האט דערוויל זיך איבערוואָרפען מיט שטעך-ווערטלעך און זיך געביסען שטילערהייט.

צופרידען פון דעם עסק זענען נור געווען די אַלטע דאָזאָרעס, וואס זענען געקומען ביייוואוינען די זיצונג. נאָט אייך, האבען זיי זיך געררייצט, איהר האט געוואָלט נייע דאָזאָרעס, די אַלטע האבען אייך נישט געטויגט, האט איהר געוועהלט דאָקטוירים, פּאַרטיי-טהוער, דירעקטאָרען, האט איהר אייך. און דער סוף וועט זיין, האט „געוורוזשעט אַנ'אַלטער דאָזאָר, אַז דעם בודזשעט אויפ'ן נייעם יאָהר וועלען מיר נאָך, מיר די אַלטע דאָזאָרעס, מאַכען און איהר וועט זיך אַרומקריגען מי יודע ווי לאַנג.

דערווייל איז אָבער שלעכט, דאס קהלה-ראַד איז אַריין אין אַ בלאָטע און מען קען עס נישט אַרויסשלעפּען. עס איז בכלל נישטאָ דער מענש, וואס זאָל קענען ביי דער יעצט-געשאַפענער סיטואַציע געבען אַנ'עצה.

מען טאַנצט

עס וועט זיין זעהר סימפּטאָמאַטיש, ווען איך וועל אייך דערצעהלען, אַז טראָץ דעם גרויסען קריזיס, וואס הערשט היינט אין דער וועלט און מיר זענען בתוכם, ווען ברויט וואָלגערט זיך אין די גאַסען און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל עס קויפען, צוליעב מאַנגעל אין קליין-געלד — — אָט דאַמאָלס האַלט מען אין איין טאַנצען, עס טאַנצען אַלטע, עס טאַנצען יונגע, אַלץ טאַנצט. און אַז דאס טאַנצען איז נישט פאַר קיין נחת נאָר פאַר צרות, וועל איך אייך באַלד אויפקלערען.

פאַר די קליינע קינדער וועגען.

אין טשענסטאָכאָוו איז פערהאַן אַ אָכראַנקע, וואו עס געפינען זיך 260 קליינע אָרימע שוועלבעלעך, יודישע קינדערלעך, וואס דער גורל האט זיי געשטראָפט, וואס זיי זענען געבוירען געוואָרען ביי אָרימע עלטערן ביי אַרבייטס-מענשען, ווערען די דאָזיגע קינדער געפּפלעגט דורך לעהרערינס און אַ וואָרימע היים, מען גיט זיך אָב מיט זיי און מען גיט זיי צו עסען.

פערשטעהט זיך, אַז דער מאַגיסטראַט דאַרף זאָרגען דערפאַר און ווען ער האַלט זיי נישט אינגאַנצען אויס, אַזוי ווי ער טהוט מיט די קריסטליכע אָכראַנקעס דאַרף מען זיי כאָטש סובסידירען, איז אָבער די אַלטע צרה, אַז ווען עס האַלט ביי רעדוקציעס פון בודזשעט זענען מיר די ערשטע כפּרה און מען גיט נישט קיין געלד און עס קומט אויס די 260 קינדער אַהיימצושיקען אין די צובראָכענע קאַלטע שטיבען אַריין, וואו דער הונגער איז זעהר אַ אָפטער גאַסט.

דאס איז אָבער נישט לייכט צו זאָגען, דאס האַרץ דערלאָזט נישט, מאַטערט מען זיך מיט אַלע כחות, כדי די דאָזיגע פּרעכטיגע אינסטיטוציע אויפצוהאַלטען, פאַלט מען אויף אַ פּלאַן און מען אָרדענט איין אַ טאַנץ-אָווענד א, נ. „שוואַרצע-קאַווע ברידזש" און עס איז געלונגען אויסצופועל'ן ביים קאָמיסאַר, אַז אויב ער גיט נישט קיין געלד, זאָל ער כאָטש ערלויבען איינצואָרדנען די קאַווע אין זאַל פון שטאָדט-ראַט.

און אין דעם זאַל וואו עס זענען געשאַפען געוואָרען די שטאָדטישע געזעצען, וואו עס איז ראַטיפיצירט געוואָרען דער היסטאָרישער אָבמאַך מיט „אולען" און עלעקטראָווניע. דער זאַל איז לעצטענס „אַרבייטסלאָז", אָט אין דעם זאַל איז פאָרגעקומען פערגאַנגענעם שבת דער טאַנץ-אָווענד און זאָל געזאָגט ווערען דער אמת, אונזער עליטע האט זיך געשטעלט און מען האט געטאַנצט און יעדער בילעט וואס איז געקויפט געוואָרען האט געשריגען: פאַר די קליינע קינדער וועגען. יעדער גילדען וואס איז געלייזט געוואָרען ביים בופעט איז געווען אַ ציגעלע צום בנין פאַר די קליינע קינדער וועגען און זאָגאָר ווען מען האָט געשפּילט קאָרטען ביי די טישלעך (אַ מנהג אַזאַ ביי די אַריסטאָקראַטען) און דער אבצאהל איז אויך פאַר די קליינע קינדער וועגען.

ווי איהר זעהט איז דאס דאָזיגע ווייַלען זיך נישט פאַר נחת, נאָר פאַר די קליינע קינדער וועגען.

אויך זיי טאַנצען נישט פאַר נחת.

דאס מיין איך די קולטורעלע געזעלשאַפט „ליראַ" וועלכע פיהרט באמת אַ שווערע און וויכטיגע אויפגאַבע. נישט האָבענדיג אָבער קיין אייגענעם לאָקאַל האָט זי געדינגען דעם זאַל פון די עוואַנגעליקער און דאָרט פיהרט זי איהר טעטיגקייט, היות אָבער ווי דירה-געלד איז טהייער און פון די קאָנצערטען קען מען קיין גרויס פערמעגען נישט מאַכען און ווער שמועסט פון מיטגלידס-אָבצאָהל איז דאָך אודאי נישטאָ וואָס צו רעדען, אָרדענט מען איין דאַנסינגען מיט פייף-אַ-קלאָקען און דער עולם טאַנצט.

אָט פון די דאַנסינגען און פייף-אַ-קלאָקען איז דאס צו צאָהלען דירה-געלד, הייסט עס, אַז נישט דאס טאַנצען איז דער עיקר, נאָר דער צוועק, הייסט עס, אַז אויך זיי טאַנצען נישט פאַר נחת.

דאָס זעלבע איז מיט דער „וואַרטא".

דער ספּאָרט-קלוב „וואַרטא" וואס האט בעגייט זיין טעטיגקייט האט זיך געדינגען אַ נייעם לאָקאַל און די פערוואַלטונג וועלכע בעשטעהט פון יונגע און פעהיגע מענשען, ווילען אויפהאַלטען זייער לאָקאַל.

פון בלויז גימנאַסטישע איבונגען קאָן מען אָבער קיין פּרנסה נישט האָבען, ווארים אין דער איצטיגער שווערער צייט גיט מען נישט, קיין געלד. טאָ וואָסזשע טהוט מען? — אָרדענט מען איין דאַנסינגען מיט פייף-אַ-קלאָקען, ד. ה. שבת אָווענד אַ דאַנסינג און זונטאַג נאָכמיטאָג אַ פייף-אַ-קלאָק די יוגענד קומט זיך צונויף און מען טאַנצט און עס בלייבט אַ פּאָר גילדען אין דער קאַסע, כדי צו קאָנען אויסהאַלטען דעם לאָקאַל.

און וואו איז די „אסכלה"?!

אויך דער ספּאָרט-קלוב „אסכלה" וואס האט ליידער נישט קיין גרויסען לאָקאַל און לעבען מוז מען דאָך, האָט אויך לעצטענס בעשלאָסען באַדיי צו דינגען אַ זאַל און איינאָרדנען יעדען שבת אָווענד אַ דאַנסינג כדי להחיות את נפשם. האָבען זיי טאַקע געדינגען דעם האַנדווערקער - זאַל ריטשאַלטעם אויפ'ן חודש און מען טאַנצט יעדען שבת אָווענד און ווי מען שמועסט האָבען זיי ערפאָלג.

דער מוסר השכל...

ווועט איהר דאָך פרעגען, אויב מען טען טאַנצט אַזוי פיעל, איז דאָך אַ סימן, אַז עס זענען יאָ גוטע צייטען, ווארים, אַז דער קאָפּ איז פערדרעהט האָט מען דאָך נישט קיין פּיס צו טאַנצען... האָט איהר אַ טעות, טאַקע דערפאַר, ווייל עס איז ביטער טאַנצט מען.

דאס זעלבע איז געווען אין די מלחמה יאָהרען. מענשען זענען אַרומגעגאַנגען ליידיג האָט מען געמאַכט אימפּרעזעס, וועלכע האָבען שטענדיג געהאַט ערפאָלג. דער אונטערשיעד איז נאָר דער, וואס דאַמאָלס האָט מען געהאַט געלד און עס איז נישט געווען וואס צו קויפען און היינט איז דאָ צו קוי-

צו די יודען פון דער גארער וועלט!

שוין איבער צעהן יאהר, ווי די ציוניסטישע באוועגונג פון אלע שאטי-רונגען ווערט גערודפט אין סאוויעט-רוסלאנד. טויזענדער פון די בעסטע זוהן און טעכטער פון רוסישען יודענ-טום טראגען אריבער די שווערסטע פי-זישע און מאראלישע ליידען און ווערען געפייניגט אין די טיורמעס, פאליטאי-זאלאטארען און גרושים צוליעב זייער טריישאפט צום ציוניזם, צו ארץ-ישראל, צו דער פערגאנגענהייט און צוקונפט פון יודישען פאלק.

די סכנה פון פארטיליגונג שוועבט איבער די קעפ פון אונזערע חברים. יאהר איין יאהר אויס מעהרען זיך די קרבנות פון הונגער, נויט און פיזישע צובראכענקייט.

שוין זייט צוויי א האלב יאהר עג-זיסטירט אין ארץ ישראל די געזעל-שאפט „מגן", וואס איהר ציעל איז ברענגען הילף די פערפאלגטע צוליעב יודענטום, ציוניזם און אלע נאציאנאלע קנינים אין סאוויעט-רוסלאנד. אין משך פון איהר עגזיסטענץ האט שוין די גע-זעלשאפט בעוויזען צו געבען מאטעריע-לע און גייסטיגע הילף אין א זיכטבא-רער מאס אונזערע ליידענדע חברים.

אבער צוליעב דעם המשך און פער-שארפונג פון די רדיפות איז די געזעל-שאפט וואס האט ביז יעצט געווירקט נאר אין ארץ ישראל נישט בכח צו בעפרידיגען די הילפס-בעדערפנישען, וועלכע ווערען אלץ גרעסער פון טאג צו טאג, פון אונזערע פערפאלגטע און פערטריבענע חברים.

ס'איז דערפאר דער חוב פון דער יודישער און ציוניסטישער געזעלשאפט פון אלע איהר שיכטען אין יעדען לאנד, זיך אנשליסען צו דער דאזיגער הילפס-טעטיגקייט פאר אונזער חברים.

די פערעהרונג און בכבוד'ע בעצי-הונג פון דער ציוניסטישער עפענטליכ-קייט אין דער גאנצער וועלט צו די ליידען פון רוסישען ציוניזם דארפען צום אויסדרוק קומען אין א ממשות'דיגע אקציע, כדי אבצוהיטען אונזערע נאציא-נאלע און ציוניסטישע פאהנענטרעגער אין רוסלאנד פון א סכנה פון פיזישען און גייסטיגען אונטערגאנג.

דעריבער ווענדעט זיך די חברה „מ ג ן" – פון ארץ ישראל מיט א שטארקער אויפפאדערונג צו דער יודי-שער און ציוניסטישער געזעלשאפט, און אין ערשטער ליניע צ ו ד ע ר צ י ו-נ י ס ט י ש ע ר י ו ג ע נ ד פון אלע ריכטונגען זיך פערבינדען מיט איהר כדי צו ארגאניזירען די אקציע פון „מ ג ן" אין די גלות-לענדער.

מיר זענען זיכער אז אונזער רוף וועט שטארקען אין דער הילפס-אקציע אלע די וואס ציטערען פאר דעם גורל פון דעם גערודפטען רוסישען ציוניזם.

ארגאניזאציעס און יחידים, וואס זענען וואכזאם צו דעם גדאגק זענען געבעטען זיך צו ווענדען צו דער חברה „מ ג ן" אין ארץ ישראל לויט דעם אדרעס:

חברת „מגן", ת. ד. 405, תל-אביב, ארץ-ישראל.

דער אקציאנס-קאמיטעט פון „מגן".

פון „הימעל-לאנד".

(צו דעם קאנפליקט צווישען כינע און יאפאן).

די קולטור-צייטען און מנהגים פון די 400 מיליאן כינעזער. – יודען אין כינע.

(סוף).

די הויפט-רעליגיע אין כינע איז בו-דאס און קאנפוציוס. אבער צעהנדליגע מיליאנען כינעזער זענען דורך די מיס-יאנערען אבגעשמדט געווארען אין אלע קריסטישע גלויבענס: פראוואסלאווע, קאטאליציזם, פראטעסטאנטיזם, א.א.וו. א סך זענען דא מוסולמענער, נאר יודען-כינעזער האבען די מיסיאנערען נישט געקאנט שמד'ן. נישט קוקענדיג אויף דעם מיש-מאש פון רעליגיעס האלטען זיך אלע כינעזער ביי זייערע אלטע זיטען און טראדיציעס און עס איז נישט צו דערקענען צו וועלכער רעליגיע דער אדער יענער כינעזער געהערט.

דעריבער ווייסען מיר זעהר ווייניג, וועגען דעם טייל פונ'ם יודישען פאלק, וואס איז פערווארפען הינטער דער כי-נעזישער וואנד, און וואוינט שוין דאר-טען טויזענדער יאהרען. וועגען דעם, אז יודען זענען שוין געווען אין כינע בעת מען האט נאך געבויט דעם בית שני – זאגט אונז ישעיה הנביא: „הנה אלה מרחוק יבואו והנה אלה מצפון ימים ואלה מארץ סינים". סינים האלט מען פאר כינע, א חוץ דעם זעהט מען דאס פון מאנוסקריפט, וואס איז צוויי טויזענד יאהר אלט און וואס געפינט זיך אין פעקינער מוזעאום. אין דעם דאזיגען מאנוסקריפט ווערען דערמאנט – נח, אברהם, יוסף מיט זיינע ברידער אין מצרים, ווייטער איז בעוואוסט, אז מיט 224 יאהר פאר קריסטוס'ן זענען אין כי-נע געקומען יודען פון פרס און פון דענסטמאל אן זענען דארטען פערהאן יודישע קהילות. די כינעזער רופען אן די יודען מיט צוויי נעמען- „אל-מאק" ד. ה. יהודה און „נאנא" ד. ה. ישראל, די דארטיגען יודען רופען זיך אליין אן מיט'ן נאמען: „פאן-קהי-קיאן", זיי פער-טייטשען די דאזיגע ווערטער אין עברית: „מאמינים בנקר הגידים", ד. ה. זיי שניידען אויס פון דעם פלייש וואס זיי עסען אלע אדערען.

זייער הויפט-רעזידענץ איז די שטאדט „קאי-פאנג-פו". עטליכע הונדערט קילא-מעטער ווייטער פון שאנכיי. דארטען האבען זיי א שוהל, וועלכע איז געבויט אין 1183-טען יאהר, און איז איבערגע-בויט געווארען מיט הונדערט יאהר צו-ריק. די שוהל שטייט ביים טייך, איבער'ן אריינגאנג הענגט א שילד מיט גאלדענע כינעזישע ווערטער: „קים-טיען" – ד.ה. געווידמעט גאט. זיי האבען ספר-תורות מיט אזא כתב ווי ביי אונז. די ספר-תו-רות ליגען אויף א טיש אונטער א רוי-טער זיידענער הופה, אין זיידענע כתונות מיט אויסגענייטע כינעזישע ווערטער: „טא-קינגס" ד.ה. ספר-תורה. דער סו-פיט איז בעדעקט מיט כינעזישע שריפ-טען און אויף די וואנט אין לשון קודש – די „עשרת הדברות".

פון זייער ספר הזכרונות איז בע-וואוסט, אז די ערשטע יודען זענען געקומען קיין כינע מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק, ווען דארטען איז געווען די ממשלה פון דער דינאסטיע „כאן". די יודען האבען דערצעהלט, אז די „גויים" האבען זיי ארויסגעטריבען פון זייער פאטערלאנד, דערפאר ווייל זיי האבען זיך נישט געוואלט בוקען פאר געצען, די יודען האבען דאן דערצעהלט אז זיי גלויבען אין איין איינציגען גאט, אז זיי האבען א סך ספרים אין וועלכע עס זענען אנגעשריבען א סך מאראלישע געבאטען, באזירטע אויף די „עשרת הדברות" און – „ואהבת לרעיך כמוך". זיי האבען בעקאנט געמאכט די כינעזער מיט אלע אנדערע מצוות פון דער תורה און די כינעזער האבען דאן אנערקענט, אז די גאנצע מאראל פון אונזער תורה איז עהנליך צו דער רעליגיעזער מאראל פון זייער פילאזאף – „קאנפוציוס".

אלץ וואס די יודען האבען דערצעהלט פאר זיך, האבען די כינעזער געפונען פאר נוצליך און דערפאר האבען זיי גלייך געגעבען די געקומענע יודען אלע בירגער-רעכט און יודען וואוינען שוין אין כינע העכער 2 טויזענד יאהר. מיט דער צייט זענען זיי אסימילירט געווא-רען. יודען האבען אין כינע אלע רעכט. עס זענען דא צווישען זיי הויכע בע-אמטע, גענעראלען, אדמיראלען און ביז דער רעוואלוציע זענען געווען א סך מאנדארינען-יודען.

די כינעזער דערצעהלען, אז זיי האבען קיינמאל נישט געזעהן קיין שלעכטע זיטען פון די יודען. די יודען זעהען ביי די כינעזער אויך נישט קיין שלעכטס, פון קיין געטא האבען די יו-דען אין כינע קיינמאל נישט געוואוסט. פון אנטיסעמיטיזם הערט מען דארט נישט.

צווישען יודען און כינעזער איז קיין אונטערשיעד נישט צו מערקען, בלויז אין רעליגיעזע מנהגים און יום-טובים, – אזוי ווי א סך יודען לערנען אין זייערע ספרים – האט מיר ערקלערט א כינעזישער זשורנאליסט – זענען זיי מעהר געבילדעט און פערנעהמען אין די אוניווערזיטעטען קאטעדרעס.

א. קערער

די בעדייטונג פון דער צווייטער פאלקס-צעהלונג אין פוילען. *)

שליסענדיג די בעראטונג פון די הויפט-קאמיסארען פון דער בעפארשטע-הענדער פאלקס - צעהלונג אין פוילען האט דער גענעראל-קאמיסאר ד"ר בו-לאווסקי אנגעמערקט, אז די פאלקס-צעהלונג איז דער וועג-ווייזער, וועל-כער צייגט דעם וועג וואו עס געהט פאראויס די מאדערנע מלוכה.

די אונגעהויער גרויסע אויספארשונג, וועלכע עס גיט אונז די פאלקס-צעה-לונג האט אויסער ריין-וויסענשאפטליכע אויך זעהר גרויסע פראקטישע בעדיי-טונג.

עס איז גענוג אנצוווייזען, אז אין פוילען זענען פערהאן איבער 80 אוי-טאמאטען אין פערשידענע געזעצגע-בונגען, וואס שטיצען זיך אויף פער-שידענע ציפערען פון דער בעפעלקע-רונג אי אין גאנצען לאנד, אי אין בע-זונדערע געגענדען פון לאנד.

די פאלקס-צעהלונג גיט די מעגליכ-קייט אזוי ארום פעסטצושטעלען אין וואסערע ריכטונג עס געהט די ענט-וויקלונג פון לאנד – אזוי זענען פער-האן לענדער, וואו דער נאטירליכער צווואוקס פון דער בעפעלקערונג איז גרויס, עס זענען אבער אויך פערהאן לענדער וואו דער צווואוקס איז זעהר א קליינער—דאס צו וויסען געגוי הייסט שאפען די מעגליכקייטען אויסצוארביי-טען פלענער פאר דער צוקונפטיגער ענטוויקלונג פון לאנד.

עס איז בעוואוסט, אז דאס גאנצע פלאנמעסיגע שול-וועזען ווערט שטענ-דיג פאראויס, אויף א רייהע יאהרען בע-שטימט לויט די צאהל געבוירענע און אונטערוואקסענדען יונגען דור, וואס עס קאן נור געמאכט ווערען, ווען עס איז פערהאן דערצו דאס נויטיגע מא-טעריאל פון ציפערען.

אויסער דעם זענען פערהאן צעהנ-דליגער געביטען, וואס קענען דורך דער מלוכה נור דאן ווי געהעריג בע-ארבייט ווערען, אויב עס איז פערהאן דערצו דאס געהעריגע מאטעריאל. אין דעם פאל קען צושטעלען דאס נויטיגע מאטעריאל נור די פאלקס-צעהלונג.

דעריבער איז אין איצטיגען מאמענט נישט פערהאן כמעט קיין ציוויליזירט לאנד, וואו די פאלקס-צעהלונגען זא-לען נישט אדורכגעפיהרט ווערען איינ-מאל אין 10 יאהר.

אזוי האט מען אין ענגלאנד און שאטלאנד שוין אנגעהויבען אדורכצו-פיהרען די פאלקס-צעהלונג אין יאהר 1801, אין הפסקות פון יעדע 10 יאהר, אין פראנקרייך האט מען נאך מיט 100 יאהר צוריק אדורכגעפיהרט פאלקס-צעהלונגען און אין די שפעטערדיגע יאהרען יעדע פינף יאהר. אין דייטש-לאנד האט מען אנגעהויבען צו צעה-לען די בעפעלקערונג אין יאהר 1871 יעדע דריי יאהר – און שפעטער יעדע 5 יאהר.

די מערב-אייראפעאישע לענדער הא-בען שוין לאנג דערקענט די אונגעהוי-ערע וויכטיגקייט פון די פאלקס-צעה-לונגען, פאר דעם געזעלשאפטליכען און עקאנאמישען לעבען פון די מלוכות און זייערע פעלקער.

ביי אונז האט דאסמאל די איצטיגע פאלקס-צעהלונג, אלס די ערשטע וועל-כע וועט קענען אין א געוויסער מאס אנווייזען א בילאנס-צונויפשטעלונג פון די לעצטע צעהן יאהר, זייט עס איז אדורכגעפיהרט געווארען די ערשטע פאלקס-צעהלונג, דאביי זענען אין איי-ניגע טיילען גישט אדורכגעפיהרט גע-ווארען די פאלקס-צעהלונגען ווי געהע-ריג צוליעב פאליטישע אורזאכען, ווי אין ווילנער געגענד און אויבערשלע-זיען.

די איצטיגע פאלקס - צעהלונג איז דאריבער די ערשטע, וואס נעמט ארום די גאנצע רעפובליק און מען לעגט אויף דער איצטיגער צעהלונג זעהר פיעל אכט און אויפמערקזאמקייט.

די איצטיגע פאלקס - צעהלונג האט אונטער זיך א פערגאנגענהייט פון 10 יאהר רוהיגער מלוכה-ארבייט און דארף דאריבער שוין צוליעב דעם אויפגע-קלערט ווערען פערשידענע פראבלעמען וואס האבען זיך אין משך פון ז'ער דאזיגער צייט אין דעם מלוכה-לעבען ענטוויקעלט.

אין דעם גרויסען מאטעריאל וועלען געפונען ערקלערונגען פיעל רעליגיאנס און נאציאנאליטעטען-פראגען.

אין דער יעצטיגער צייט פון שווע-רען וועלטס-קריזיס, האט א זעהר וויכ-טיגע בעדייטונג די פראפעסיאנעלע סטאטיסטיק, וועלכער עס זענען ספע-ציעל געווידמעט אייניגע פראגען אין דעם פארמולאר און וועלכע דארפען דורך דעם צעהלונגס-קאמיסאר אויסגע-פולט ווערען.

עס ווערט געלעגט א ספעציעלע אכט דערויף, אז דאס מאטעריאל זאל זיין ריכטיג אבגעגעבען און זאל זיין א פאקטישע אבשפיגלונג פון די יעצ-טיגע פערהעלטנישען אין לאנד. אזוי דארף יעדער איינער אויפגעבען ריכ-טיגע ציפערען אויף אלע פראגען וואס זענען אויפגעגעבען אין די פארמולארען, עס איז זאגאר פארגעזעהען פאר נישט ריכטיג אויפגעבען – א געוויסע און אין מאנכע פאלען, שטרענגע שטראף.

דאביי איז אבער גאנץ שטרענג פאר-געזעהען, אז דאס גאנצע צונויפגעזא-מעלטע סטאטיסטישע מאטעריאל קען בשום אופן נישט ווערען איבערגעבען צו בענוצען פאר קיין שום אמט, נור בלייבט א סטאטיסטיש נעהיימניס, ווי דאס געזעץ זעהט עס פאר.

די פאלקס-צעהלונג דארף דעריבער ווי געזאגט שאפען א גענוי און אמת'-דיג בילד פונ'ם איצטיגען פוילען, וועלכעס קען פעראינטערעסירען דעם סאציאלאג, סטאטיסטיקער, געאגראף, עטנאגראף און פאליטיקער.

מען קען אהן גוזמא אנווייזען אז עס איז נישטא קיין איין געביט אין דעם מלוכה'שען לעבען, וואס זאל אין זיי-נע הויפט - יסודות זיך שטיצען אויף די סטאטיסטישע ציפערען, אין דעם פאל, אויף מאטעריאל וואס ווערט צו-געשטעלט דורך דער פאלקס-צעהלונג.

די יעצטיגע פאלקס-צעהלונג ווערט דאריבער דורך פיעל ריכטיג בעטראכט ווי א שנעל-פאטאגראפישע אויפנאהמע פון דעם יעצטיגען לעבען און די פער-העלטנישען אין לאנד, פון וועלכער עס וועט קענען געמאכט ווערען אין פער-גלייך מיט דער פערגאנגענהייט א אינ-טערעסאנטער סך-הכל פון 10 יאהר רו-היגער ארבייט פון דער פוילישער מלוכה.

*) צוגעשיקט דורכ'ן קרייז-רעפערענט פון דער פאלקס - צעהלונג ביי דער סטאראסטווא.

פען נאר קיין געלד איז נישטא, אבער עס איז דאס זעלבע בילד, אויך היינט דרעהט מען זיך ארום ליידיג, מען האט נישט וואס צו טהון, דער קאפ רוישט פון די מחשבות, וועגען דעם מארגען, ווייל מען זיך פערגעסען און מען – טאנצט.

דאס איז ליידער דער טרויריגער מוסר השכל.

נישט אין ארדנונג.

עס פערדריסט מיך נאר אויף די שמענדריקעס, וואס אנשטאט צו געהן טאנצען אין די אויבענדערמאנטע לא-קאלען, וואו עס ווערט פערבינדען דאס אנגענעהמע מיט'ן נוצליכען זעצען זיי זיך אוועק מיט זייערע פאניענקעס אין „סאוואי" און טאנצען דארט.

עס פערשטעהט זיך, אז איך וויל נישט דא ארויסטרעטען אלס מוסר זא-גער, איבריגענס וועט מיין מוסר זאגען, די דאזיגע „יענטיליגענטען" נישט ריהרען, אבער פארט דארף מען זיי ווארפען דעם אמת אין פנים אריין. די אויבענדערמאנטע אינסטיטוציעס פיהרען א ערציהערישע און וויכטיגע נאציאנא-לע ארבייט און די דאזיגע אינסטיטוצ-יעס ראנגלען זיך מיט א כסדר'דיגען קריזיס, טא פאר וואס געהט איהר נישט אוועק דארט אין אייער אייגענע אינסטיטוציעס, כדי מיט אייערע פאר גראשענס זיך צו געפונען אין א היי-מישער סביבה, דארט וואו מען וועט זיך בעציהען צו אייך מיט אכטונג און ליעבע. נאר געה רעד מיט שמענדרי-קעס, אז ביי זיי פעהלט דער קלארער הויש פאר זיך זעלבסט, אבער זאל עס געשטעמפעלט ווערען עפענטליך, אז די דאזיגע חברה זענען נישט אין ארד-נונג.

בראוואָ!

זאג איך די באקסער פון יודישען טורן-און ספארט פעראיין. בראוואָ יא-טען, איך האב א הנאה פון אייך, איך האב בייגעוואוינט אייער לעצטען אויפ-טריט און איך בין בעגייסטערט געווא-רען פון אייך.

כ'ווייס, אז א סך וועלען מיך טאד-לען פאר מיין ליובען די פויסט, אזוי איז עס אבער, עס זענען אוועק די צייטען, ווען מיר יודען האבען געלעבט בלויז מיט רוחניות, מען מוז היינט אויך שטארקען אונזער קערפער און במילא וועט אויך אונזער נשמה זיין א געזונטע.

אויב איך ליוב דאס, וואס די יודי-שע יונגעלייט לערנען זיך אויס געבען א קלאפ הייסט נאך נישט, אז איך בין מסכים, אז זיי זאלען עמיצען שלאגען, ניין. דאס איז דאס העסליכסטע מיטעל, אבער פערפאלען, מיר לעבען אין אזא „קולטורעלע" צייט, ווען מען האט דרך-ארץ פאר די פויסט און דערפאר מו-זען מיר אויך האבען א שטארקע פויסט.

ווען אין א שולע לערנען צוזאמען יודישע און קריסטליכע שילער „פוצען" זיך די קריסטליכע שילער צו די יודישע דערפאר, ווייל זיי דארפען, אז די יודישע שילער זאלען זיי צוהעלפען מאכען די לעקציעס, ווען זיי האבען אבער זייער מיסיע דערפולט, האסען זיי ווייטער זייערע יודישע קאלעגען און נאך מעהר האסען זיי די יודען, ווייל די יודישע שילער האבען נאר געהאט מח, אבער נישט קיין פויסטען, אבער ווען די יודישע שילער לערנען זיך היינט אויך געבען א קלאפ צוריק, האבען די פאסקודניאקעס פאר זיי דרך-ארץ.

נעמענדיג דאס אלץ אין אכט האב איך לעצטענס בעקומען גרויס דרך-ארץ פאר די דאזיגע יונגעלייט, וואס ביל-דען אויס זייערע מוסקולען.

איך בין געווען אויף דעם באקס-מעטש ביים יודישען טורן און ספארט-פעראיין וואו עס איז פארגעקומען א געשלעג צווישען יודען און קריסטען און איך האב דרייסט צוגעקוקט דאס „געשלעג" און בין שטאלץ מיט אונזע-רע יונגלעך, אט ווען מיר וואלטען אזעלכע שולען איינגעארדענט וואלטען מיר א סך מעהר אויפגעטהון ווי מיט אנדערע נארישקייטען.

איך וויל, אז מען זאל מיך נישט שלעכט פערשטעהן, איך מיין נישט, אז מיר זאלען ערציהען שלעגער, נאר ווען זיי, די כוליגאנעס, וועלען וויסען, אז מיר קענען צוריק קלאפען, וועלען זיי נישט פרובירען אונז אנצופאלען און דערפאר טאקי זאג איך דעם יודישען טורן און ספארט - פעראיין מיט זייער באקס-שולע א בראוואָ.

וואס איז דער זין פון אונזער פראטעסט ?

פערגאנגענע וואך האט די היגע קהלה אבגעהאלטען א זיצונג, וואו עס איז איינשטימיג אנגענומען געווארען א פראטעסט-רעזאלוציע געגען די לעצטע געשעהענישען פון די כוליגאנישע סטו-דענטען און שילער.

דערביי האט זיך איינער, דאכט זיך, אז דער פרעזעס גאלדשטיין, זעהר טרעפליך אויסגעדריקט, אז מיר פרא-טעסטירען אויך דערפאר, ווייל עס האט קיינער פון די קריסטען נישט פראטעסטירט. דאס הייסט פראסט גע-זאגט, אז מיר יודען דריקען אויס אונ-זער פראטעסט נישט בלויז געגען די כוליגאנעס און זייערע מיטהעלפער, נאר אויך געגען יענעם טייל פון דער קרי-סטליכער בעפעלקערונג, וועלכע פרע-דיגען ברודערליכקייט, הומאניטעט און יושר, נאר אזוי לאנג ביז עס קומט צו יודען. דערפאר טאקי איז אונזער פראטעסט א גערעכטער, זאל מען נישט שפייזען די וועלט מיט הויכע פראזען, מיר פאדערען מעשים און די מעשים דארפען זיין, אז ווען עס שטע-הען אויף ווילדע צוהיצטע כוליגאנעס און שלאגען יודען דארפען די איידעלע הערצער פון קריסטען פראטעסטירען, אויב זיי פראטעסטירען נישט, פרא-טעסטירען מיר געגען זיי.

דאס איז דער אייגענטליכער זין פון אונזער פראטעסט.

זיי דארפען צו געבען פערגרעסע-רונגס-גלעזער.

די קראקאווער דירעקציע פון טע-לעפאנען האט ארויסגעגעבען גרויסע ביכער, וואו עס געפונען זיך די אבא-נענטען-נומערען פון גאנץ פוילען, איז עס אבער געמאכט געווארען אזוי, אז מען קען נישט דערקענען קיין נומער.

אויב אזוי האט די דירעקציע גע-דארפט צוגעבען צו יעדען בוך א פערגרעסערונגס- גלאז, ווארום אנדערש האט נישט קיין זין דאס טעלעפאן-בוך, ווייל מען קען סיי ווי סיי נישט דער-קענען דעם נומער פון אבאנענט.

לויתן

דער קהלה-בודזשעט ווערט צונויפגעשטעלט דורך די אַלטע פערוואַלטונג

דער קהלה-בודזשעט פאַר'ן קומענדען יאָהר, ווערט איצט צונויפגעשטעלט דורך דער אַלטער קהלה-פערוואַלטונג.

אַזוי ווי די נייע קהלה-פערוואַלטונג האָט זיך נאָכנישט קאָנסטיטואירט און נאָך דער קאָנסטיטואירונג וועט נאָך פערנעמען אַ שטיקעל צייט ביז דאָס פרעזידיום וועט בעשטעטיגט ווערען דורך דער מאַכט און אַזוי ווי דער בודזשעט פאַר'ן קומענדען יאָהר מוז לויט'ן געזעץ צוגעשטעלט ווערען דער מאַכט ביז'ן 1 אָקטאָבער יעדעס יאָהר האָט די אויפזיכטס - מאַכט דעריבער פעראָרדענט, אַז דער בודזשעט זאָל צונויפגעשטעלט ווערען דורך דער אַלטער פערוואַלטונג און בעשטעטיגט דורך דעם פריהערדיגען קהלה - ראַט, דאַביי איז אָבגעגעבען געוואָרען דער לעצטער ענדגילטיגער טערמין ביז'ן 1 נאָוועמבער ווען דער בודזשעט מוז פאָרגעשטעלט ווערען דער אויפזיכטס-מאַכט.

די אַלטע פערוואַלטונג האָט דעריבער שוין אָבגעהאַלטען איינינגע זיצונגען אויף וועלכע עס ווערט אויסגעאַרבייט דער בודזשעט - פּראָיעקט, וואָס דאַרף פאָרגעשטעלט ווערען פאַר'ן אַלטען קהלה-ראַט צום בעשטעטיגען.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען ווי עס וועט אויסזעהען דער דאָזיגער בודזשעט, וועלכער וועט צונויפגעשטעלט ווערען „בחפזון", אויף איין פיס, וואָרום וועגען איבערשרייטען דעם טערמין קען דאָך קיין רייד נישט זיין ווייל ערשט נישט לאַנג האָבען די פערוואַלטונגס-מיטגלידער בעצאָהלט צו 50 זל. שטראָף פאַר'ן פערשפּעטיגען מיט'ן הייריגען בודזשעט און צו בעצאָהלען שטראָף גלוסט זיך קיינעם נישט אין די היינטיגע צייטען.

עס איז אויך גוואָנדען אויב די פערוואַלטונג נעמט שוין אין אַכט ביים איצטיגען בודזשעט דאָס נייע געזעץ לויט וועלכען אין בודזשעט קענען זיך געפונען נאָר ריין-רעליגיעזע ענינים.

פון רעטונגס-קאָמיטעט.

די וואָך איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער פּראָפּאַגאַנדע - קאָמיסיע ביים הילפס-קאָמיטעט פאַר די קריזיס-געליטענע יודען.

ה' שפּיראָ אינפאָרמירט וועגען גאַנג פון דער אַקציע, אַזוי איז למשל געגרינדעט געוואָרען אַ זאַמעל-קאָמיסיע אונטער'ן פאָרזיץ פון ה' ח. וועקסלער, א פערטיילונגס-קאָמיסיע אונטער'ן פאָרזיץ פון ד"ר באַטאַוויע.

די זאַמעל-אַקציע געהט צו זעהר לאַנגזאַם. עס איז דעריבער נויטיג צו פיהרען אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע-אַרבייט צווישען דער ברייטער יודישער געזעלשאַפט. עס ווערט געפּלאַנט צו האַלטען רעדעס אין שוהלען און מנינים דעם שבת בעת די תפלות.

עס זענען בעשטימט געוואָרען רעדנער וואָס זאָלען מעורר זיין די יודישע בעפעלקערונג צו שפענדען פאַר'ן הילפס-פאָנד, אויך אינפאָרמירט ה' שפּיראָ אַז שוין די צווייטע וואָך וועלען פערטיילט ווערען 2 וואַגאָן קאַרטאָפעל.

פערזאַמלונג פון יודישען און פוילישען סוחרים-פעראיין

פערגאַנגענעם דינסטאָג איז פאָרגעקומען אַ געמיינזאַמע זיצונג פון דעם היגען יודישען און קריסטליכען סוחרים-פעראיינען מיט'ן צוועק צו געפונען מיטלען צום פערלייכטערן דעם קריזיס.

אין רעזולטאַט זענען אָנגענומען געוואָרען אַ גאַנצע רייהע בעשלוסען, ווי וועגען בעקומען קרעדיטען אין דעם באַנק פּאָלסקי און לאַנדווירטשאַפטליכע אויך פאַר די קאָאָפּעראַטיווען. וועגען דעם אַז די וועקסלען אין באַנק פּאָלסקי זאָל נישט פּראָטעסטירען די וועקסלען אין זעלבען טאָג, אויך וועגען געוויסע פערלייכטערונגען און די שטייערען און אַנדערע. די דאָזיגע אַקציע וועט זיין אַ געמיינזאַמע פון ביידע סוחרים-פעראיינען.

STUDENT, rutynowany korepetytor udziela lekcyj specjalność: **łacina**. Zgłoszenia przyjmuje redakcja.

פון דער געז. פאַר לאַנדוויסענשאַפט

היינט, פרייטאָג פּונקטליך האַלב 9 אָוונד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל קאַשטשושקע 5 אַ פאָרלעזונג פון לעאָן

Pończochy - z gwarancją za trwałość
Rękawiczki - męskie damskie i dziecinne —
Bielizna - Jagera, oraz wszelką konfekcję męską najkorzystniej do nabycia
w DOMU POŃCZOCH bielizny i Manufaktury
Częstochowa, II Aleja 29

ווײַנשטאָק א. ד. ט. „איינדרוקען פון אַ טורנע אין אַפריקאַנישען גרענאַדע" אילוסטרירט מיט ליכט-בילדער.

אַ גראַנדיעזער קאָנצערט פון „לירא".

די קאָנצערטען וואָס די „לירא" אַראַנזשירט איין פון צייט צו צייט צייכענען זיך שטענדיג אויס אַלס זעהר געלונגענע, וועלכע לאָזען איבער אַ קאָלאָסאַל גוטען איינדרוק און דעריבער איז זעהר ערפרייענד דאָס וואָס די „לירא" האָט צוגעגרייט א נייעם גראַנדיעזען קאָנצערט, וואָס וועט פאָרקומען דעם קינפטיגען מאָנטאָג אין „גראַנד-קינא".

דיר. ה' זאַקס שטרענגט אָן איבערמענשליכע כחות, כדי דעם קאָנצערט צוצוגרייטען וואָס שענער און בעסער. צו דעם קאָנצערט ווערען פאָרבערייטעט הערליכע נומערען, וואָס וועלען זיין אַ איבערראַשונג פאַר די צושויער.

דער קאָנצערט האָט אַרויסגערופען גרויס אויפזעהן ביי די ליבהאָבער פון געזאַנג און מוזיק און די בילעטען, וועלכע זענען אגב זעהר ביליג, ווערען טאַקע אויסגעכאַפּט.

נעץ-באַל מעטש.

מאָרגען, שבת 8 א זייגער אָוונד קומט פאָר אין לאָקאַל פון יוד. טורן-און ספּאָרט-פעראיין א נעץ-באַל מעטש צווישען די רעפּרעזענטאַטיווע מענער און דאַמען מאַנשאַפטען פון י. ט. ס. פ. און פוילישען ספּאָרט-קלוב „וויקטאָריא", אין פאָלגענדע סיסטעמען: מיקס-דעבל (געמישט מענער און דאַמען) 3-ער און 1-ער פאַר מענער און 3-ער פאַר דאַמען.

פון „פועלי אגודת ישראל.

די שעורי-קודש קומען פאָר טעגליך פון 9—10 אָוונד, פרייטאָג צו נאַכט'ס פון 7.30 און שבת בייטאָג פון האַלב 2.

די ביבליאָטעק איז טעטיג יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג פון 8—10 אָוו.

היינטיגען שבת קומט פאָר דער ערשטער שלוש-סעודה, אויף וועלכען ס'וועלען אויך רעדען איינינגע חברים מענינא דיומא.

פון לינגוויסטען-קלוב.

פערגאַנגענעם שבת איז פאָרגעקומען אין קלוב אַ פייערליכע ערעפנונג פון 1-טען קורס עספּעראַנטאָ. די פערזאַמלונג, אין דער צאָהל פון 41 פערזאָן האָט בעגריסט דער פאָרזיצער פון קלוב פּראָפ. וויינשטאָק, וועלכער האָט מודיע געווען, אַז דער קלוב טרעט איצט צו צום צווייטען עטאַפּ פון זיין אַרבייט, נעמליך: צו אָרגאַניזירען די קורסען פאַר די, וועלכע קענען נישט קיין שפּראַכען, נישט האָבענדיג די מעגליכקייט מחמת דעם געהערען צום קלוב. דעריבער האָט מען אויסגעקליבען עספּעראַנטאָ, נעהמענדיג אין בעטראַכט איהר בעדייטונג און די לייכטקייט פון ערלערנען זיך איהר.

דאַן נעהמט דאָס וואָרט פּראָפ. שומאַכער, אַלס פאָרשטעהער פון אָרגאַניזירענדען זיך עספּעראַניסטען-פערבאַנד. ער רעדט וועגען דער געשיכטע און בעדייטונג פון עספּעראַנטאָ, בפרט פאַר פוילען — דאָס וויגעל פון עספּעראַנטאָ.

צום סוף האָט פּראָפ. בראַנדלעוויטש אַרומגערעדט דעם אופן פון דער אַרבייט אויף דער צוקונפט.

ה' וו. זשעריקער — מיטגליעד פון אויפזיכטס-ראַט פון יק"א.

די געזעלשאַפט יק"א אין וואַרשע, וועלכע שטיצט די יודישע האַנדווערקער-שולע אין פוילען, האָט נאָמינירט דעם דאָזאָר ה' ווילהעלם זשעריקער, אַלס מיטגליד פון אויפזיכטס-ראַט מצד דער יק"א-צענטראַלע און איהם אָנפאַרטרויט די השגחה איבער די היגע ערגענצונגס-קורסען פון יונגלעך און מיידלעך אין דער היגער האַנדווערקער-שולע.

גרויסע פאָרבערייטונגען צום חבת-ציון און בילו יובילעאום.

דער הויפּט יובל-קאָמיטעט, אין וואַרשא איז שוין צוגעטרעטען צו א ענערגישער אַרבייט, וועלכע ווערט געפיהרט לויט א אימפּאָזאַנטען פּלאַן און בעצוועקט די אַדורכפיהרונג פון די גרויסע יובל פייערונגען אין גאַנצען לאַנד. איבעראַל אין דער פּראָווינץ ווערען געשאַפען אָרטיגע יובל-קאָמיטעטען, וועלכע וועלען שטעהען אין א ענגען קאָנטאַקט מיט'ן הויפּט יובל-קאָמיטעט און וועלען אין איינקלאַנג מיט זיינע אָנווייזונגען אַדורכפיהרען מיט דער הילף פון די זוובבי-ציון און עלטערע ציונים די אינדיווידועלע זאַמעל-אַקציע פאַר'ן קרן קימת.

אויפ'ן באַדען, וועלכער וועט אויסגעלייזט ווערען דורכ'ן קק"ל אויף די געזאַמעלטע געלדער, וועט געגרינדעט ווערען דער כפר חבת-ציון (בילתו). די דאָזיגע ערהאַבענע און קאָנקרעטע אויפגאַבע — דער אויפבוי פון'ם חבת-ציון דאָרף, האָט דערוועקט די ציוניסטען פון אַלע פּאַרטייען און ביי אַלע נאַציאָנאַל געזאָנענטע יודען אַ אַקטיווען אינטערעס פאַר דעם יובל קאַמפּיין און אין צעהנדליגער ערטער (קוטנא, קיעלץ, ביאַליסטאָק, קאָוועל א. א.) ווערען אָרגאַניזירט יובל באַזאַרען, הגרלות, אוונדען א. ד. ג.

אין פיעל שטעדט האָבען די יובל קאָמיטעטען בעשלאָסען איינשרייבען אין ספר הזהב פון קק"ל די פאָרשטאָרבענע חובבי-ציון און פערדינסטפולע ציונים, וועלכע האָבען געאַרבייט און געווירקט אין די פאָרשיעדענע שטעדט אין לאַנד.

די יוגענד אָרגאַניזאַציעס גרייטען זיך אויף א בעזונדערען אופן פייערען דעם דאָפּעלטען יובל. זיי גרייטען שוין צו פאָרשיעדענע אָוונדען, פייערליכע פערזאַמלונגען א. ז. וו. דאַביי ווערט אָרגאַניזירט די גרויסע יובל מאַסען-אַקציע אין די חנוכה טעג.

ווי עס איז שוין צו זעהן זענען די פאָרבערייטונגען צו די יובל-פייערונגען און קאַמפּיין אין פוילען גאַנג און ס'איז נישטאָ קיין ספק, אַז זיי וועלען ברענגען ענטשפּרעכענדע ממשות'דיגע רעזולטאַטען פאַר דער גרינדונג פון כפר חבת-ציון.

די פירמע **וו. גאָסטינסקי, אַלעע 21**
מאַכט בעקאַנט די ג' קונדשאַפט, דאָס זי האָט געעפענט א ספּעציעלע אָבטיילונג פון
וואָוינונגס = מעבעל,
ווי: **שלאָף= און עס=צימערן, קאַבינעטען** א. א. וו.
אין גאַנצע קאָמפּלעטען ווי אויך איינצעלנע זאַכען.
ס'זענען אויך פאַראַן **טאַפּיציר = אויסאַרבייטונגען,**
ווי **טאַפּטשאַנעס, קושעטען, קלוב-פאָטעלען** אאוו.
צו זעהר צוגענגליכע פרייזען.
מיר עמפּפעהלען פאַרשידענע פאַרבען, טאַפּעטען, פּאַקאַסט, באַדניקעס און קאַקאָסאָווע דיוואַנען.

קאָמוניקאַט.

צוליעב דער אונערהערטער העצע, וואָס ווערט געפיהרט געגען אונזער גרופּע מצד אונפאַראַנטוואָרטליכע פערזאָנען, ווילען מיר געבען פאַר דער עפענטליכקייט איינינגע ערקלערונגען.

מען קומט אונז „אַראָבּרייסען די מאַסקעס" אין דער צייט, ווען מיר טראָגען נישט קיין מאַסקעס. מיר זענען געווען די גאַנצע צייט עהרליך און אָפענהערציג, ווייל מיר האַלטען, אַז דער קורצסטער און זיכערסטער וועג איז דער גלייכער וועג און וועלכען מיר זענען געגאַנגען און געהען ביז'ן היינטיגען טאָג.

מען וואָרפט אונז פאָר אינטריגעס און אינטערוועוענצען און אַלץ מיט איין צוועק: נישט דערלאָזען, אַז ה' גאָלדשטיין זאָל אויסגעוועהלט ווערען אַלס פאָרזיצער. אַז די פאָרשידענע רפאל'ס, תנאי'ס, אבן יוסף'ס און אַנדערע אַנאָנימע „פּאָליטיקער" זאָלען אונז פאָרוואָרפען אינטריגעס און אינטערוועוענצען, — אַז אַזעלכע, וועלכע האָבען מורא צו בעווייזען זייערע פּנים'ער פאַר דער עפענטליכקייט זאָלען נאָך האָבען די דרייסטקייט צו וועלען „אַראָבּרייסען אַנדערע די מאַסקעס", צו דעם דאַרף מען שוין האָבען נישט קיין געוועהנליכע חוצפה און הפקרות.

קודם-כל וויל איך ערקלערען, פאַרוואָס מיר האָבען נישט געשטימט פאַר ה' גאָלדשטיין צום דריטען מאָל. ס'איז אַלעמען בעוואוסט, אַז מיר האָבען די ערשטע געשטימט פאַר זיין קאַנדידאַטור אָהן שום בעדינגונגען. און אויך צום צווייטען מאָל, כאָטש דער קריזיס, וועלכען די ציונים האָבען אַרויסגערופען מיט זייער נישט-שטימען פאַר ה' ג. איז געווען געגען אונז געווענדעט, האָבען מיר ווייטער די ערשטע געשטימט. ה' גאָלדשטיין האָט ווידער רעזיגנירט שוין אָהן די שולד מצד דער גמינע (און די רעזיגנאַציע האָט ער בעשלאָסען און אַדורכגעפיהרט נישט נאָר אָהן דער הסכמה, נאָר אַפילו אָהן דעם וויסען פון די אַלע, וואָס האָבען איהם געוועהלט). און רעזיגנירט האָט ה' ג. נישט נאָר פון אַמט אַלס פאָרזיצענדער, נור אויך אַלס דאָזאָר. די ציונים, דערוויסענדיג זיך דערפון האָבען אָנגעהויבען דרייען אום אַריינצופיהרען דעם ה' שטילער אין דער פערוואַלטונג, כדי צו האָבען אַ קאַנדידאַט אויף פאָרזיצער, צו וועלכען ה' ג. האָט זיי פיעל מיטגעהאָלפען. נאַטירליך איז דאָ ה' גאָלדשטיינ'ס הילף נאָך געווען ווייניג, זיי האָבען געוואוסט, אַז אויף אַזאַ נישט-עהרליכען דרעה וועט די מאַכט נישט ערלויבען, זענען זיי אַוועק צום דעפּוטאַט ד"ר בילוכאָווסקי און איהם געבעטען, אַז ער זאָל אינטערוועניִרען ביים סטאַראָסטע אַז ער זאָל איינגעהן אויף דער קאָמבינאַציע. די אינטערוועוענץ האָט זיך נישט איינגעגעבען.

ווען נאָך דער מעשה איז ווידער אַרויפגעשוואומען די קאַנדידאַטור פון ה' גאָלדשטיין האָבען מיר דאַמאָלס, צוליעב זיין דערמאָנטער טאַקטיק, בעשלאָסען מעהר פאַר איהם נישט צו שטימען, ווייל די טעטיגקייט זיינע איז געווען דייטליך געווענדעט געגען אונז, העלפענדיג גאָר די ציונים, וועלכע זענען געווען געגען איהם און האָבען גורם געווען דעם גאַנצען קריזיס.

צי האָבען מיר אינטערוועניִרט? יאָ!

1) אונזער ה' ז. מאַרקאָוויטש האָט אינטערוועניִרט, אַז די דימיסיע פון ה' ג. זאָל נישט אָנגענומען ווערען און דעם ליבליכען בריעף פון סטאַראָסטאַ האָט ה' גאָלדשטיין דעם ה' מאַרקאָוויטש צו פערדאַנקען.

2) איך האָב זיך געוואָנדען צום דעפּוטאַט פּיעקאַרסקי אַלס צו אַ בעקאַנטען מיט פאָלגענדע ווערטער: א גרופּע יודישע בירגער האָבען זיך געוואָנדען צו דר. בילוכאָווסקי, אַז מען זאָל זיך בעמיהען פאַר זיי אין סטאַראָסטווע. ווירקט, איך בעט אייך, אויף אייער קאָלעגע, אַז ער זאָל זיך נישט אַריינמישען אין נישט-זיינע עסקים, מיר וועלען שוין צווישען זיך אַליין אַדורכקומען.

אינטריגעס? ווען מיר זענען צופעליג געוואויר געוואָרען, אַז אונזערע פאַרבינדעטע, די האַנדווערקער האָבען בעשלאָסען צו שטימען פאַר ה' ג. האָב איך זיי ערקלערט פאָלגענדעס: נישט מיין אויפגאַבע איז אייך צו אַגיטירען געגען ה' ג., איהר האָט אָבער נישט געהאַט דאָס רעכט וועגען דעם זעלבסט צו בעשטימען, נישט בעראַטענדיג זיך מיט אונז. אפשר וואָלט איהר אונז אויך איבערצייגט אין דעם?

אין דער צייט פון אונזערע געמיינזאַמע אונטערהאַנדלונגען נאָכדעם ווי ה' ג. איז נישט בעשטעטיגט געוואָרען, האָבען די האַנדווערקער דורך ד"ר גייזלער ערקלערט: מיר וועלען פאַר ה' ג. מעהר נישט שטימען. מיר בעטראַכטען די קאַנדידאַטור פאַר אַ דעמאָנסטראַטיווע און דעמאָנסטרירען ווילען מיר נישט.

אָט דאָס איז דער אמת וועגען די אינטריגעס און אינטערוועוענצען. **מיר,** אונזער גאַנצע גרופּע, טראָגען די פולע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר **דעם אינהאַלט** פון דעם קאָמוניקאַט. איבערגעבענדיג דער עהרליכער **געזעלשאַפטליכער** מיינונג די אַלע פאַקטען, שטרייכען מיר אונטער: מיר זענען צו יעדער **צייט** גרייט זיך צו שטעלען פאַר יעדען געריכט, בכדי דאָס צו **בעשטעטיגען.**

אין נאָמען פון דער דעמאָקראַטישער גרופּע ביי דער קהלה
יעקב ראָזענבערג.

קליינער פעליעטאָן.

באָיקאָט...

בין איך מיר אַזוי געזעסען מיט מיין שכן ישראל יודל ביי אַ גלעזיל טהיי און געשמועסט וועגען דער ברענענדסטער פראַגע, וואָס איז דאָס געשפּרעך פון טאָג, וועגען דעם באָיקאָט-בעוועגינג וואָס די ענדעקעס ווילען געגען אונז אַרויסרופען.

איך האָב, אַדורכגעלייענט פאַרשידענע אויסצוגען פון אַ רייהע צייטונגען, וואו עס ווערט מיטגעטיילט, אַז אין קראָקא, למשל שטעהען די אַקאַדעמיקער פאַר די יודישע קראָמען און דערלויבען נישט אַריינצוגעהן קיין קריסטליכע קונים.

אין אַנדערע שטעדט ווידער, קלעבט מען אָן די קריסטליכע קונים, וואָס קויפען ביי יודען, אַ געלע לאַטע אויף די פּלייצעס, מיט איין וואָרט, דאָס געשפּענסט פון יאָהר 1912, שטעהט אויף תחית-המתים, כאָטש צווישען זיך געשמועסט קאָן עס נישט האָבען דעמזעלבען רעזולטאַט, ווייל היינט איז נישטאָ ווער עס זאָל קויפען און ווער עס זאָל לייזען, עס איז אַ טויטע וועלט, אָבער נישט אין די פאָלגען פון באָיקאָט געהט מיר, נאָר אין דעם אופן און סיסטעם, וואָס די אַקאַדעמיקער, די אינטעליגענץ, די געבילדעטע יוגענד, האָט זיך גענומען צו דער מלאכה בזויה, וואָס איז געווען אַמאָל אַ שאַנד-פלעק אויפ'ן אָרגאַניזם פון צאַרישען רוסלאַנד. שוואַרצע מאה האָט מען זיי גערופען און אַז דאָס זאָל קענען טרעפען אין פרייען פוילען איז פאַר מיר אַ חרפה, שעם איך זיך פאַר זיך אַליין, טהוט עס מיר וועה — שריי איך אויס צו ישראל יודלען — איז מיר אַ וועהטאָג, מיר האָבען אין די טויזענדער געקעמפט פאַר פוילענ'ס בעפרייאונג, אין טורמע געלעגען חדשים לאַנג און איצט קומט די אַקאַדעמישע יוגענד, וועלכע האָט פאַר דער דאָזיגער פרייהייט נישט אַריינגעטהון די האַנד אין קאַלטען וואַסער. די צולאָזענע יונגאַטשעס. וואָס האָבען אַלדאָס גוטס ביי זיך אינדערהיים קומען צו געהן און פאַרשוועכען די דאָזיגע פרייהייט פון די גרויסע העלדען, וואָס האָבען זייער לעבען מקריב געווען פאַר פוילען.

אָט אַזאַ רעדע האָב איך געהאַלטען פאַר מיין שכן און ער זיצט זיך רוהיג און זופּט זיך גאַנץ געלאַסען דאָס הייסע גלאָז טהיי, ווי דער ענין וואָלט איהם נישט אָנגעריהרט.

ישראל יודל—שריי איך צו איהם— איהר האָט געהערט, וואָס איך זאָג צו אייך? מיר געהען דאָך אונטער, מיר זענען דאָך שוין גענוג באָיקאָטירט, מען נעמט אונז נישט אָן אויף קיין מלוכה-פּאָסטענס, אַפילו פאַר קיין סטרוזשעס וויל מען אונז נישט. און דעם ביסעל סוחרים, וואָס זענען נאָך געבליבען דראָהט אַ רואין צוליעב דער באָיקאָט-העצע. וואָס טהוט מען?—שריי איך אויס מלא כעס—וואָס שווייגט איהר?

— ווער שווייגט?—רופט ער זיך אָב גאַנץ רוהיג—וואָרט אַ ווײַלע, איך וועל אויסטרינקען דאָס גלאָז טהיי, וועל איך אַרויסזאָגען מיין מיינונג.

אין דעם גאַנצען באָיקאָט — זאָגט ענדליך מיין שכן, זענען שולדיג יודען.

— וואָס? שפּרינג איך אויף פאַר כעס, יודען זענען גאָהר שולדיג אין דעם, וואָס מען פיהרט די ווילדע העצע געגען זיי, ישראל יודל! קאָן איך זיך שוין נישט בעהערשען, איהר רעדט דאָך דאָס זעלבע, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, וואָס די ערגסטע שונאי ישראלים, אויך זיי זאָגען דאָך, אַז מיר פּראָוואָצירען פּאָגראָמען, וואָס טהוט זיך דאָ עפּעס?...

— שאַ בערוהיגטאייך — רופט זיך אָן מיין שכן, רעגט אייך נישט אויף, וועל איך אייך ערקלערען וואָס איך מיין.

— איהר ווייסט דאָך דעם פּסוק, הויבט אָן ישראל יודעל מיט אַ ערנסטער שטים קשוט עצמך, דאָס הייסט, אַז אויב מען וויל, אַז יענער זאָל דיך ליעב האָבען מוז דו קודם כל זיך אַליין ליעב האָבען, טאָמער ווילסטו, אַז יענער זאָל געגען דיר זיין אין אָרדנונג, מוזטו אַליין זיין צוערשט אין אָרדנונג. און צו אונזער גרויסער שאַנדע זענען מיר געגען זיך אַליין נישט אין אָרדנונג, מיר באָיקאָטירען זיך אַליין. יאָ ווערט זיין שטימע פעסטער, מיר יודען באָיקאָטירען זיך אַליין, נאָט נעמט למשל, וויפיעל יודישע פאַבריקען זענען דאָ ביי אונז אין שטאָדט און וויפיעל יודישע אַרבייטער אַרבייטען דאָרט? אָה. ווען איך זאָל אייך דערצעהלען פּרטים, וואָלטען מיר געזעסען, אַזוי ווי אַמאָל די חכמים וועלכע האָבען דערצעהלט וועגען יציאת מצרים א גאַנצע נאַכט.

— דערצעהלט, האָב איך זיך געבעטען ביי איהם, אדרבה זאָל מען וויסען.

— איך וועל אייך נאָר דערצעהלען עטליכע קליינינגקייטען, ענטפערט מיר מיין שכן און פון דעם וועט איהר שוין אַרויסדרינגען דאָס איבריגע:

אין אַ היגע יודישע פאַבריק וואו עס אַרבייטען קריסטליכע אַרבייטער און אויך אַ ביסעל יודישע. בעת עס זענען פאָרגעקומען די אונרוהען פאַרגאַנגענע וואָך, האָט אַ שיקסע זיך אויסגעדריקט, אַז זי האָט אָנגעגרייט אַ זאַק און ווען מען וועט נאָר אָנהויבען צו ראַבירען, וועט זי שוין וויסען וואָס זיך אויסצוקלייבען. אמת מען האָט זי אָבגעשאַפט, אָבער אויף איהר אָרט האָט מען צוגענומען אַנדערע נישט יודישע אַרבייטער וואָס וועלען ביי אַ געלעגענהייט (און אַזעלכע געלעגענהייטען וועלען ליידער נאָך זיין) דאָס זעלבע זאָגען.

א היגער יודישער קליין פאַבריקאַנט, וועלכער האָט לעצטעס אָבגעריינינגט זיין ווערקשטאַט פון יודישע אַרבייטער, האָט אין אַנ'אָפּערטע צו אַ פוילישער פירמע געשריבען צווישען אַנדערע מעלות, אַז זיין פאַבריק האָט אויך די מעלה וואָס די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט בלויז פון קריסטליכע אַרבייטער.

א בשותפות'דיגע יודישע האָלץ-פירמע, וועלכע לאָזט אויסהאַקען אַ זעהר גרויסען וואַלד, האָט אַנשטאַט יודישע וואָס האָבען זיך געבעטען וועגען אַ פּאָסטען, צוגענומען אַ פּעטלוראָוויטש, וועלכען עס קומט אַ דאַנק מסתמא פאַר אַלטע מעשים טובים...

יודישע הויז-ווירטען און אין דעם פאַל אַ יוד, וואָס זיין געשעפט ווערט נאָר אונטערשטיצט פון יודען, ווען ער האָט אין זיין הויז אַ ביסעל אַרבייט קאָן עס בשום אופן נישט בעקומען קיין יודישער בעל מלאכה...

עס קומט פאַר די פאָלקס-צעהלונג און היות ווי אין די רובריקען געפונט זיך נישט די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריגקייט איז דאָן פאַרשטענדליך, אַז אַלע יודען דאַרפען אָבגעבען אַז זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך איז יודיש. און איך האָב מורא — שרייט אויס מיין שכן וועלען יודען זיך שעמען אויפצוגעבען, אַז יודיש איז זייער שפּראַך, ווער, נאָר די זאָגענאַנטע כלל טהוער און ווער שמועסט די פּאַניענקעס מיט די קאָוועלירען, וועלען אַלץ זאָגען, נאָר נישט יודיש.

דאַן האָב איך צו דערצעהלען מעשות וועגען אַרטיסטען, וואָס לעבען נאָר אַ דאַנק יודיש געלד און ווען עס קומט צום קלענסטען אַרויסטריט געגען יודען, זענען זיי די ערשטע און פונדעסטוועגען...

דאַן קאָן איך אייך דערצעהלען נאָך אַ מעשה וועגען —

שווייגט — האָב איך איהם איבערגעריסען, אויף היינט וועט גענוג זיין, איך קאָן נישט מעהר הערען קיין רכילות אויף יודען.

— אַז איהר ווילט נישט הערען דעם אמת, איז נישט, ווערט מיט מיר ברוגז מיין שכן און פאַרלאָזט מיין הויז אָהן אַ גוטע נאַכט. נאָר שטעהענדיג אויף דער שוועל וואָרפט ער מיר נאָך צו די ווערטער, הערט פּאַניע סמאָל, אַז איהר וועט וועלען שרייבען וועגען באָיקאָט, דאַן געדענקט מיינע ווערטער, אַז אין באָיקאָט זענען שולדיג יודען, ווען זיי אַליין וועלען זיך אויפהערען צו באָיקאָטירען, דאַמאָלס וועט מען זיך מיט זיי רעכענען און אַנדערע וועלען זיי אויך נישט באָיקאָטירען.

כ'האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפען, טראַכטענדיג וועגען די ביטערע רייד פון מיין שכן ישראל יודל.

סמאָל.

„רבי ד״ר זילבער".

דראַמע אין 4 אַקטען פון שלום אַש

אין דער אויספיהרונג פון די קינסטלער א. מאַרעוווסקי און געניאַ שליט.

אַ וואוילע, אַ טייערע זאַך איז דאָס, וואָס אונזערע קינסטלער זיצען נישט בלויז אין דער רעזידענץ-שטאָדט וואַר-שאַ, נאָר נידערן אַראָב צו אונז אויף דער פּראָווינץ, מיט זייער געקליבענעם רעפּערטואַר, וואָס בעשטעהט פון די בעסטע און שענסטע פּערל פון דער יודישער און אייראָפּעאישער ביהנע.

האָבען מיר טאַקי דערפון א הנאה, פרעהען מיר זיך דערמיט, וואָס ס'איז פערהאַן אַ געלעגענהייט, ווען מיר קע-נען ווי די דורשטיגע, שעפּען פון דעם גייסטרייכען קוואַל, מיט וועלכען די קינסטלער זענען אונז מזכה און כאַטש פון צייט-צו-צייט אַביסעל אויפפרישען די געמיטער פון דער גרויקייט, טעמפּ-קייט פונ'ם פּוסטען מדבר.

שוין בלויז דערפאַר קומט זיי אַ יישר-כח.

* * *

רעוורענד ד״ר זילבער?

אַנ'אַמעריקאַנער ראַבינער און פּרע-דיגער אין אַ סינאַגאָגע, וועלכער האָט איבערגענומען בירושה פון זיין פאָטער דעם „שטוהל". די גאַנצע שטאָדט, די גבאים, אַלע זענען צופרידען פון דעם יונגען נאכפאָלגער סאַלאָמאָן זילבער; זיי זענען בעגייסטערט און ענטציקט פון זיין פּרעדיגען, וואו ער רעדט וועגען דער ריינקייט פון דעם יודישען פאַמיליען-לעבען, וועגען דער הויכקייט און ערהאבענקייט פון דער מענשליכער עטיק. בלויז זיין מוטער, די קלוגע, אַריסטאָקראַטישע מיס זילבער, טרעט אַרויס געגען איהר געליעבטען זוהן אַלס בעשולדיגעריך און פאָדערט פון איהם אויסצופיהרען זיינע התחייבות'ן, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען אַלס גייסטליכער, נישט בלויז אין דער סי-נאַגאָגע פאַר אַנדערע, נאָר קודם-כל לגבי זיין אייגענער פרוי, וועלכע פיהרט זיך נישט אויף מאָראַליש אין זיין איי-גענער וואוינונג, וועלכע פיהרט ביי איהם אין הויז אַ געהיימע ליבע מיט דעם מוזיקער רובינשטיין. מען קען נישט און מען טאָר נישט — זאָגט די מוטער — זיין קיין וועג - ווייזער פאַר אַנדערע, ווען מען האָט אַליין די אוי-גען פערמאַכט און מ'זעהט נישט וואָס עס טהוט זיך אין דער אייגענער שטוב.

דער גוטער, שטראַהלענדער דר. זיל-בער, וויל נישט גלויבען אין די אַלע רכילות'ן אויף זיין שעהנער, רייצענדער פרוי קלאַראַ, וועלכע ער פערגעטערט פשוט. נאָך אַ לאַנגען מיינונגס - אויס-טויש צווישען איהם און קלאַראַ'ן קומט דער ערשטער צוזאַמענשטויס, דער ער-שטער אינערליכער קאָנפליקט צווישען דעם פּרעדיגער אַלס אַזעלכען און דעם מאַן. קלאַראַ ווערט דערדריקט אין דער פּוסטקייט פונ'ם דאָזיגען הויז, זי וויל האָבען א מאַן פאַר זיך און נישט קיין פּרעדיגער, וועלכער איז פערנומען מיט אַנדערע. זי איז זיך מודה—אמת אָדער נישט אמת—אַז אַ חוץ מוזיקאַלישע האָט זי אויך געהאַט אַנדערע בעציהונגען מיט אַט-אָ יענעם—און ענטלויפט פון איהר מאַן, דעם רבי זילבער.

סאַלאָמאָן זילבער ווערט נידערגע-שלאָגען, אַפּאַטיש, ער הויבט אָן פער-שטעהן, אַז נישט זי איז שולדיג, נאָר ער, ווייל ער האָט זיין יונגע פרוי פער-נאַכלעסיגט. שפּעטער נאָך עטליכע יאהר ווען ער ווערט געוואויר, אַז זיין פרוי געפונט זיך אין שטאָדט, אַ בעשפּיגע-נע, אוועקגעוואָרפענע פון יענעם, בע-קומט ער פּלוצים אַ צווייט לעבען, הייסט אויפרוימען די שטובען כּדי ווי געהעריג מקבל-פנים צו זיין די פרוי פונ'ם פּרעדיגער דר. זילבער. זיין מו-טער, די גבאים, אַלע בונטעווען זיך, דראָהען איהם צו בעזייטיגען פונ'ם ראַבינער - אַמט, אויב ער וועט צוריק אַריינלאָזען אין דער שטוב זיין פרוי, וועלכע איז איצט אַ פּשוט'ע גאַסען-פרוי. סאַלאָמאָן זילבער שרעקט זיך נישט, ס'צינדט זיך אין איהם אָן אַ הייליגער פייער, שליידערט די פּוריטאַ-נער דעם גאַנצען אמת אין פנים אריין: וואָס איז דאָס אַזוינס עהרע? וואָס איז ווערט אייער גאַנצע בירגערליכע מאָ-ראַל און עטיק, ווען איהר קענט נישט מוחל זיין, ווען איהר האָט נישט אין זיך דאָס מענשליכע? נישטאָ — שרייט אויס זילבער — קיין העכער געזעץ ווי דער מענש אַליין! מיר זענען נישט קיין געטער, נאָר מענשען און יעדער מענש זינדיגט. זיין פרוי, די בעליידיגטע, שוואַכע, פערלאָזענע דורך אַלעמען, וואַקסט איצט אויס אין זיינע אויגען ווי אַ געלייטערטע, הערליכע געשטאַלט.

זיין פרוי קלאַראַ פיהרט איבער זיך אַליין אויס אַנ'אורטייל. זי סמ'ט זיך אין פאָדער-הויז און בלייבט טויט. זעהט אויס, אַז אַזוי האָט אונזער גרויסער מייסטער שלום אַש פערשטאַנען דאָס לעבען. יעדער מענש מוז בעצאָהלען פאַר זיינע אָבגעטהויענע זינד אין דער פערגאַנגענהייט, נישטאָ דער וועג צו-ריק.

* * *

ס'פעהלען באמת ווערטער אויסצו-דריקען דאָס מייסטערהאַפטע שפּילען פון די צוויי קינסטלער אברהם מאַ-רעוווסקי און געניאַ שליט. ה' מאַרעוו-סקי איז אויף דער ביהנע א גיגאַנט. אין דער פערקערפּערונג פון ד״ר זיל-בער האָט ער געשאַפען אַ פּרעכטיגען טיפּ פון בלוט און פלייש. איבריגענס, מיר קענען איהם נישט בלויז פון דער ביהנע, נאָר אויך פון דער יודישער לי-טעראַטור, וואו ער האָט צו איהר אַ סך בייגעשטייערט. מאַדאַם געניאַ שליט, איהר יעדער ריהר, יעדע בעוועגונג, די הערליכע מאָדולאַציע פון איהר קלינגענדער שטימע — האָט אויף אַלע-מען געמאַכט אַ שטאַרקען, אונגעזהוי-ערען איינדרוק. זייער יודישע שפּראַך— פשוט אַ נחת-רוח. אויך ה' שפּירא און פרוי גאמארסקא זענען געווען זעהר גוט.

ס'האָט געלוינט דאָס אַלץ צו זעהען.

מרדכי קויפמאַן

דער גרויסער באַל לטובת דעם יתומים-הויז.

זונטאַג, דעם 2-טען טאָג חנוכּה קומט פאַר א גראַנדיעזער פּערוויילונגס-באַל לטובת דעם יתומים-הויז אין זאַל פון שטאָדט.ראַט.

דער באַל וועט זיין רייך און פּער-שיעדענאַרטיגע אטראַקציעס — פון 4 נאָכמיטאָג ביז 8 אָווענד פאַר קינדער און שול-יוגענד; און פון 9 א זייגער אָווענד – פאַר יוגענד און דערוואַקסענע.

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז נעהמענדיג אין אַכט דעם ציעל פון דער אימפּרעזע, וועט זי ווארים אונ-טערשטיצט ווערען.

די גרויסע חנוכּה-פייערונג.

וואָס עס אָרדענט איין די זעלבסט-הילף ביים יודישען געזעלשאַפטליכען גימנאַזיום זאָגט צו צו זיין זעהר אימ-פּאַזאַנט. עס ווערט צוגעגרייט אַ גרוי-סע פאַרשטעלונג א. נ. „יהודית און הולפרניס". אויסער דעם אַ גרויסער מוזיקאַליש-וואָקאַלישע טייל. צום סוף אַ טאַנץ-אָווענד.

פּרטים אין נעכסטען נומער.

קינסטלערישער אָווענד פון זשאַק לעווי.

מאָרגען, שבת 8 אַ זייגער אָווענד, קומט פאַר אין פייערלעשער-זאַל אַ לי-טעראַריש-קינסטלערישער אָווענד - פון בעריהמטען אַרטיסט זשאַק לעווי, וואו ער וועט אויפטרעטען אין זיין רייכען רעפּערטואַר פון די מייסטער: שעקספּיר, י. ל. פּרץ, מ. נאדיר, לייוויק א. א.

זשאַק לעווי טרעט אויף ביי יעדען נומער אין קאָסטיום און גרים.

12-יעהריגער חזן י. טילעס.

היינט, פרייטאָג צו קבלת-שבת וועט דאַווענען אין דער שוהל „אהל יעקב" (אַלעע 4) דאָס פענאָמענאַלע וואונדער-קינד פון 20 יאָהרהונדערט, דער יונג-סטער פון אַלע חזנים אין אונזער דור— איטשעלע טילעס.

איינגאַנג 50 גראָשען.

נחמה, קדיש, חאש אין טשענסטאָכאָוו

ווי מיר ווערען געוואויר, וועלען אין קורצען זיין אויף גאַסטראָלען ביי אונז אין שטאָדט די ליבע און גוט-בעקאַנטע אַרטיסטען נחמה, כּאַש, קדיש מיט זיי-ער אַנסאַמבל.

פון יוד. בלעכער-צעך.

מען טיילט אונז מיט, אַז דער בלע-כער-צעך ביים יודישען האַנדווערקער-פערבאַנד, וועלכער איז ביז-איצט נישט געווען טעטיג ווי געהעריג, האָט איצט אָנגעהויבען זיין רעאַלע טעטיגקייט.

אַ דאַנק דעם, וואָס עס איז אויסגע-וועהלט געוואָרען אַ נייע פערוואַלטונג פון צעך, מיט ה' מענדיל בלום אַלם מיטסוזש איז מען צוגעטרעטען צו אָר-גאַניזירען די אַרבייט אין דעם פאַך. עס איז אויך געקומען צו אַ פערשטענ-דיגונג מיט דעם קריסטליכען צעך, כּדי אויסצומיידען די שרעקליכע קאָנקורענץ וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם פאַך, און צו זאָרגען פאַר די יודישע בעלי-מלאכות, אַז זיי זאָלען ווי ווייט מעג-ליך פערדינען פון דער אַרבייט.

י. ט. ס. פ. רעמיזירט מיט ב. ק. ס.

דער זאַל פון יודישען טורן - און ספּאָרט-פעראיין אוז דעם פערגאַנגענעם שבת געווען צו קליין אַריינצונעמען די אַלע, וועלכע האָבען געוואָלט ביי-וואוינען דעם שפּאַנענדען באָקס-מעטש צווישען דעם פּוילישען מאַנשאַפט-מיי-סטער ב. ק. ס. פון קאַטאָוויץ און דעם יודישען טורן-און ספּאָרט-פעראיין, וועל-כער האָט זיך פערענדיגט, פאַר די הי-גע מיט אַ זעהר גינסטיגען רעזולטאַט 4:4.

די, וועלכע האָבען זיך אַריינבעקו-מען אין זאַל, האָבען אַדורכגעמאַכט 2 שעה עמאָציע,. צוליעב דעם אַנטייל פון די צוויי גוט-בעקאַנטע באָקסער מי-כאַלסקי און מאַטושטשיק, וועלכע האָ-בען אַלע אַנוועזענדע פערוואונדערט מיט זייער הערליכען סטיל און גוטע האַלטונג. אין אַלגעמיין זענען די קאַמ-פען געשטאַנען אויף א הויכען ניוואָ.

די רעזולטאַטען זענען פאָלגענדע: כּוואַט (יטספּ) האָט אונערוואַרטעט, נאָך א שעהנעם קאַמף בעזיגט פויט'ן (בקס), ווייסבערג (יטספּ) האָט בעזיגט נאָך אַ האַרטען געגענזייטיגען קאַמף דלוגאָי-טשיק'ן (בקס), וויצע-מייסטער מיכאַלסקי (בקס) בעזיגט מיט א שעהנעם סטיל כליוונער 1 (יטספּ) קנאָפּ אויף פונקטען און דער אויסגעצייכענטער מאַטושטשיק (בקס) בעזיגט קנאַפּ אויף פונקטען יור-קעוויטש'ן.

פאַרמעטשען: אַדערבערג רעמיזירט מיט זילבערבערג'ן, כליוונער 2 בעזיגט דעם לייכטערען קערנער, שלימער—קי-ווי רעמי, טשאַרני בעזיגט דורך אַ טעכנישען נאָקאַוט דעם נישט-דיספּאָ-נירטען בוימאַץ.

ס'איז כּדאי צו בעמערקען, אַז מי-כאַלסקי און מאַטושטיק קעמפען דעם 13 ק. ח. אין פויזען אינ'ם פינאַל פון די הייריגע מאַנשאַפטס-מייסטערשאַפ-טען.

א.

„Grand-Kino"
קאַשטשושקי גאַס.
לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

היינט!
האַראָלד ללאָיד
דער שוין לאַנג-ערוואַרטעטער קעניג פון הומאָר
HAROLD TRZYMAJ SIĘ!
הערליכע פאַרס מיט דעם בעקאַנטען לאַנג-נישט-געזעהענעם
האַראָלד ללאָיד.
איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג - צוגאַבען.

Teatr „ODEON"
אַלעע 27.
לעצטער סעאַנס 10 אָווענד.
אויפ'ן 1 סעאַנס קריזעלאַ 1 זל.

היינט! דער נייסטער פראַנצויזישער שלאַגער!
ZDETRONIZOWANA Królowa Huzarów
טעטענטישע איבערלעבונגען פון א קייזערין, פון א געוויסער אייראָפּעאישער מלוכה, בשעת דער רעוואָלוציע.
אין די הויפּט-ראָלען:
מעדזי כריסטיאַנס און זשאַן אַנושעלאָ.
איבער'ן פּראָגראַם: פּאַראַמאָונט - וואָך און א צייכען - קאָמעדיע.

ערשטער מוסטערהאַפטער קלאַנג-קינאָ
Nowości
אַלעע 12
לעצטער סעאַנס 9-30 אָווענד.
היינט און ווייטערע טעג.

מעכטיק קונסטווערק פול עמאָציע!
HRABINA PARYŻA
אין די הויפּט-ראָלען: מיאַ מאַי און עמיל יאַנינגס.
איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג - צוגאַבען.

דאָס פוטער-געשעפט פון די פירמע
פּיק און זשעלינסקי
טשענסטאָכאָוו, 1 אַלעע 3
פראָנט ערשטער שטאָק
איז פערזעהען צום קומענדען סעזאָן מיט א גרויסען אויסוואַהל
פון אַלערליי פוטער-סחורות,
ווי פערשידענע פעל, בלאַמען, קעלנער, פעלצלעך אויך פערטיגע און בעשטעלטע דאַמען און הערען-פוטערס א. א. א.
ביליגע פרייזען! — — — — רעיעלע בעהאַנדלונג!
קומט און איבערציינט אייך!
אכטונג: פראָנט ערשטער שטאָק.

מעבעל - לעדער
און לעדערנע
אַקטען - טאַשען
פערקויפט ביליג
ד. וויינבוים אַלעע 32

צוליעב ליקווידאַציע
גענצליכער אויספערקויף!
דאָס בעוואוסטע פוטער-געשעפט
פון די געבר. קעלציגלאָווסקי
און בערקאָוויטש פּילסודסקי № 9 אין הויף,
מאַכט בעקאַנט, אַז דאָס געשעפט ווערט ליקווידירט און דער גרויסער לאַגער פון אַלערליי
פוטער-סחורות ווערען גענצליך אויספערקויפט.
נוצט דעריבער אויס די געלעגענהייט און איהר קענט קויפען צו אויסערגעוועהנליכע ביליגע פרייזען.
געדענקט די אַדרעס און איילט אייך צו, וכל הקודם זכה!

צום ווינטער - סעזאָן 1931-32!
איז דאָס פוטער-געשעפט
פון מיכאַל איידעלמאַן
פּילסודסקי 5, פראָנט ערשטער שטאָק, טעל. 305
פערזעהען מיט אַ גרויסען אויסוואַהל פון אַלעראַרט פוטער - סחורה און איינצעלנע פעל, בלאַמען.
פערטיגע דאַמען און מענער - פעלצען.
אין מיין ערשטקלאַסיגען קירשנער-ווערקשטעל ווערען אויסגעפערטיגט אַלערליי בעשטעלונגען, שנעל, רעיעל, לויט די נייעסטע מאָדען, אונטער מיין פערזענליכער אויפזיכט.

בייעסטע און ביליגסטע
„WESTA" גומי-אַבצאַסען
שזין צו בעקומען אין דער פירמע
M. BIRNBAUM, CZĘSTOCHOWA, Prosta № 1.
קויפענדיג „וועסטאַ"-אַבצאַסען בעקומט איהר בחנם אַלומיניום-געשיר.

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawca B. Bocian — Druk. B. Bocian, Aleje 6